און דער רמב"ם'ס ספר איז דאך מסודר על סדר המצוות, סאו ער ברענגט דאך די פסוקים וואס רעדן וועגן מצוות. אלע פסוקים, מיין איך, פון די פתיחות הרמב"ם זענען וועגן מצוות, אזוי געדענק איך, אויב איך האב מיך געערעכנט. און דאס איז איין זאך. מצוות האבן פארשידענע שמות נרדפים. איך האב געזען, דער רב רבינוביץ ברענגט פון רמב"ן וואס איז טייטש עדות. מ'דארף זוכן צו דער רמב"ם איז מסביר די זאך, צו די מצוות וואס הייסן עדות. מ'דארף גוט זוכן, איך געדענק נישט אויף די מינוט. אבער וודאי דער רמב"ם האלט אויך אז אלע מצוות זענען עדות, אדער בפרט די מצוות, פארשטייט זיך בפירוש.

איך האב נאר געוואלט נאך איין דיוק אויף "ששון לבי". אינטערסאנט, ווייל מיר האבן געלערנט אז ימים טובים לערנט דער רמב"ם געווענליך איז ששון לשמחה, אבער ס'איז מער שמחה, אזוי ווי ס'שטייט אין הלכות יום טוב דא און סוף הלכות חנוכה, מער ששון ווי שמחה בעולם, רייט? ששון בלב דארף א יוד האבן א גאנץ יאר. יום טוב ברענגט מען עס ארויס, מ'רופט געסט, מ'מאכט א פראווע פון שמחה. מ'קען זאגן אז ס'איז נישט נאר א "סטעיט אוו מיינד", נאר ס'איז א "סעלעברעישאן", ס'דארף זיין מיט פרסום ברבים, ס'איז א הנהגה. יום טוב האט אויך, אויך שבת און אויך יום טוב האבן זיי זיך ענינים בין אדם לחבירו, "למען ינוח עבדך ואמתך" וכו'.

און דא זאגט ער "ששון לבי", ס'איז זייער אינטערעסאנט. אפשר וואלט ער געדארפט זאגן "ששון העולם". אפשר לערנט מען פון דא אז ס'איז דא א שמחה פנימית פון שבת און יום טוב.

ס'איז דאך קאנעקטעד, אז מ'מאכט זיך א פארטי דורך די ווארט אז יעדער איינער זאל האבן א ששון אליין. ס'איז דאך צווי זאכן וואס זענען קאנעקטעד, אזויווי א מעשה המצוה מיט א חלות פון די מצוה.

איך האב געזען, איינער האט צוגעצייכנט אז דער סוף אין הלכות ספר אהבה האט זיך געענדיגט מיט די הפטורה פון "שוש אשיש". אפשר וועגן דעם האט דער רמב"ם אנגעהויבן מיט "כי ששון לבי". אקעי, פיין.

### סדר הלכות ספר זמנים

זאגט דער רמב"ם: **"ספר שלישי, והוא ספר זמנים"**. ער רעכנט קודם אויס דער רמב"ם די סדר וואס גייט שטיין אין דעם ספר. **"הלכותיו עשר"**, דאס הייסט יעדע באנד פון הלכות, יעדע קאטעגאריע ווערט אנגערופן הלכות. ס'זענען דא צען, אונז האבן דא צען מיני, צען קאטעגאריעס פון הלכות. **"וזהו סידורן"**.

הייבט ער אן מיט הלכות שבת. לאמיר קודם געבן א ליין אפ, אפשר וועלן מיר זאגן פארוואס דאס איז די סדר:

1. הלכות שבת
2. הלכות עירובין, וואס דאס איז א סניף אין הלכות שבת
3. הלכות שביתת עשור – די מצוה פון שביתת עשור, יום כיפור
4. נאכדעם קומט שביתת יום טוב, אלע מלאכות פון יום טוב וואס זענען אנדערש ווי שבת
5. און נאכדעם די דעטאלן פון געוויסע ימים טובים הייבט ער אן מיט ניסן, וואס איז דער ערשטער חודש, "החודש הזה לכם ראש חדשים", הייבט ער אן הלכות חמץ ומצה
6. און ער גייט אן צו הלכות שופר וסוכה ולולב, די אלע מצוות פון חודש השביעי, מצוות מיוחדות פון חודש תשרי

### הקדמה להלכות שבת

**יש בכללן חמש מצוות - שתי מצוות עשה, ושלש מצוות לא תעשה, וזה הוא פרטן:**

1. **לשבות בשביעי**
2. **שלא לעשות בו מלאכה**
3. **שלא לענוש בשבת**
4. **שלא לצאת חוץ לגבול בשבת**
5. **לקדש היום בזכירה**

**וביאור כל המצוות האלו בפרקים אלו.**

### פרק א: מצוות שביתה וכללי מלאכת שבת

#### הלכה א: מצוות שביתה וענשיה

**עשה: שביתה בשביעי ממלאכה - מצות עשה, שנאמר "וביום השביעי תשבות" (שמות כ"ג:י"ב).**

**ביטול עשה ולא תעשה: וכל העושה בו מלאכה - ביטל מצות עשה, ועבר על לא תעשה, שנאמר "לא תעשה כל מלאכה" (שמות כ':ט').**

**חיובי העושה מלאכה: ומה הוא חייב על עשיית מלאכה?**

**- אם עשה ברצונו בזדון - חייב כרת.**

**- ואם היו שם עדים והתראה — נסקל.**

**- ואם עשה בשגגה - חייב קרבן חטאת קבועה.**

#### הלכה ב: חייב, פטור, מותר

**חייב: כל מקום שנאמר בהלכות שבת שהעושה דבר זה חייב — הרי זה חייב כרת, ואם היו שם עדים והתראה - חייב סקילה, ואם היה שוגג - חייב חטאת.**

#### הלכה ג: פטור

**וכל מקום שנאמר "שהעושה דבר זה פטור" - הרי זה פטור מן הכרת ומן הסקילה ומן הקרבן, אבל אסור לעשות אותו דבר בשבת, ואיסורו מדברי סופרים, הרחקה מן המלאכה.**

**והעושה אותו בזדון - מכין אותו מכת מרדות.**

**"אין עושין", "אסור": וכן, כל מקום שנאמר "אין עושין כך וכך", או "אסור לעשות כך וכך", בשבת, העושה אותו דבר בזדון - מכין אותו מכת מרדות.**

הלכה ד: מותר

**וכל מקום שנאמר "מותר לעשות כך וכך" - הרי זה מותר לכתחילה.**

**וכן, כל מקום שנאמר "אינו חייב כלום", או "פטור מכלום", אין מכין אותו כלל.**

**כללי מלאכות**

הלכה ה: דבר שאינו מתכוון — לא נתכוין ואפשר שלא ייעשה

**דברים המותרין לעשותן בשבת, ובשעת עשייתן אפשר שתיעשה בגללן מלאכה ואפשר שלא תיעשה, אם לא נתכוון לאותה מלאכה - הרי זה מותר.**

**כיצד?**

**גורר אדם מיטה וכיסא ומגדל וכיוצא בהן בשבת, ובלבד שלא יתכוון לחפור חריץ בקרקע בשעת גרירתן, ולפיכך אם חפרו הקרקע - אינו חושש בכך, לפי שלא נתכוון.**

**וכן, מהלך אדם על גבי עשבים בשבת, ובלבד שלא יתכוון לעקור אותן, לפיכך אם נעקרו אינו חושש.**

**ורוחץ ידיו בעפר הפירות וכיוצא בו, ובלבד שלא יתכוון להשיר השיער, לפיכך אם נשר אינו חושש.**

**פרצה דחוקה - מותר להיכנס בה בשבת, אף על פי שמשיר צרורות.**

**וכן כל דבר שאין מתכוון כגון זה - מותר.**

הלכה ו: לא נתכוין ואי אפשר שלא יעשה

**עשה מעשה ונעשית בגללו מלאכה שודאי תיעשה בשביל אותו מעשה, אף על פי שלא נתכוון לה - חייב, שהדבר ידוע שאי אפשר שלא תיעשה אותה מלאכה.**

**כיצד? הרי שצרך לראש עוף לשחק בו לקטן, וחתך ראשו בשבת, אף על פי שאין סוף מגמתו להריגת העוף אלא לחתוך ראשו בלבד - חייב, שהדבר ידוע שאי אפשר שייחתך ראש החי אלא והמות בא בשבילו.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה ז: מלאכה שאינה צריכה לגופה

**כל העושה מלאכה בשבת, אף על פי שאינו צריך לגוף המלאכה - חייב עליה.**

**כיצד, הרי שכיבה את הנר מפני שהוא צריך לשמן כדי שלא יאבד, או כדי שלא יישרף חרש של נר - חייב, מפני שהכיבוי מלאכה, והרי נתכוון לכבות. ואף על פי שאינו צריך לגוף הכיבוי, ולא כיבה אלא מפני השמן או מפני החרס - הרי זה חייב.**

**וכן, המעביר את הקוץ ארבע אמות ברשות הרבים, או המכבה את הגחלת, כדי שלא ייזוקו בהן רבים - חייב. ואף על פי שאינו צריך לגוף הכיבוי או לגוף ההעברה, אלא להרחיק את ההזק, הרי זה חייב.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה ח: מלאכת מחשבת — נתכוון לעשות מלאכה ונעשית מלאכה אחרת

**כל המתכוון לעשות מלאכה, ונעשית לו מלאכה אחרת שלא נתכוון לה - פטור עליה, לפי שלא נעשית מחשבתו.**

**כיצד? זרק אבן או חץ בחבירו או בבהמה כדי להרגן, והלך ועקר אילן בהליכתו ולא הרג - הרי זה פטור.**

**נתכוון לאיסור קל ונעשית איסור חמור: קל וחומר אם נתכוון לאיסור קל ונעשה איסור חמור, כגון שנתכוון לזרוק בכרמלית, ועברה האבן לרשות הרבים, שהוא פטור.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

**נתכוון לדבר המותר ונעשית מלאכה: נתכוון לעשות דבר המותר, ונעשית מלאכה, כגון שנתכוון לחתוך את התלוש וחתך את המחובר - אינו חייב כלום.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה ט: נתכוון בסדר אחד ונעשה בסדר אחר

**נתכוון ללקוט תאנים שחורות וליקט לבנות, או שנתכוון ללקוט ענבים ואחר כך תאנים, ונהפך הדבר, וליקט תאנים בתחילה ואחר כך ענבים - פטור. אף על פי שליקט כל שחשב, הואיל ולא ליקט כסדר שחשב, פטור, שלא אסרה תורה אלא מלאכת מחשבת.**

הלכה י: נתכוון לגוף אחד ונעשה אותו המלאכה בגוף אחר

**היו לפניו שני נרות דולקות או כבות, ונתכוון לכבות זו וכיבה את זו, או להדליק זו והדליק זו - חייב, שהרי עשה מן המלאכה שחשב לעשותה.**

**הא למה זה דומה, למי שנתכוון ללקוט תאנה זו וליקט תאנה אחרת, או למי שנתכוון להרוג את זה והרג את זה, שהרי נעשית מלאכה שחשב לעשותה.**

הלכה יא: הקדים ואיחר

**אבל אם נתכוון להדליק ראשונה ולכבות שניה אחריה, ונהפך הדבר, וכיבה ראשונה ואחר כך הדליק שניה אחריה - פטור.**

**כיבה זו והדליק זו בנשימה אחת - חייב, שאף על פי שלא הקדים ההדלקה, הרי לא איחר אותה, אלא עשה שתיהן כאחת, ולפיכך חייב.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

**מתעסק: וכל העושה מלאכה כמתעסק ולא נתכוון לה - פטור.**

הלכה יב: נעשה ביתר או פחות מכוונתו

**כל המתכוון לעשות מלאכה ונעשת ביתר על כוונתו - חייב, בפחות מכוונתו - פטור.**

**כיצד הרי שנתכוון להוציא משא לאחריו, ובא לו לפניו - חייב, שהרי נתכוון לשמירה פחותה ונעשת שמירה מעולה.**

**אבל אם נתכוון להוציא לפניו, ובא לו לאחריו - פטור, שהרי נתכוון להוציא בשמירה מעולה והוציא בשמירה מעוטה.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה יג: חגור בסינר

**היה חגור בסינר, והשליך המשא בין בשרו וחלוקו, בין שבא זה המשא שדרכו להוציאו כדרך הזאת לפניו, בין שבא לאחריו - חייב, שכן דרכו להיות חוזר.**

הלכה יד: לא השלים כוונתו

**כל המתכוון לעשות מלאכה בשבת, והתחיל בה ועשה כשיעור, חייב, אף על פי שלא השלים כל המלאכה שנתכוון להשלימה.**

**כיצד, הרי שנתכוון לכתוב איגרת או שטר בשבת, אין אומרין לא יתחייב זה עד שישלים חפצו ויכתוב כל האיגרת או כל השטר, אלא משיכתוב שתי אותיות יתחייב.**

**וכן אם נתכוון לארוג בגד שלם, משיארוג שני חוטין יתחייב, ואף על פי שכוונתו להשלים, הואיל ועשה כשיעור בכוונה - חייב.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה טו: שנים שעשאוה — כל אחד מהם יכול לעשותו לבדו

**כל מלאכה שהיחיד יכול לעשות אותה לבדו, ועשו אותה שנים בשותפות - בין שעשה זה מקצתה וזה מקצתה, כגון שעקר זה החפץ מרשות זו והניחו השני ברשות אחרת, בין שעשו אותה שניהם כאחד מתחילה ועד סוף, כגון שאחזו שניהם בקולמוס וכתבו, או אחזו כיכר והוציאוהו מרשות לרשות - הרי אלו פטורין.**

הלכה טז: אין אחד יכול לעשותו לבדו

**ואם אין אחד מהן יכול לעשותה לבדו עד שיצטרפו, כגון שנים שאחזו קורה והוציאוה לרשות הרבים, הואיל ואין כוח באחד מהן לעשותה לבדו ועשו אותה בשותפות מתחילה ועד סוף - שניהן חייבין, ושיעור אחד לשניהם.**

**אחד יכול ושני אינו יכול: היה כוח באחד מהן להוציא קורה זו לבדו, והשני אינו יכול להוציאה לבדו, ונשתתפו שניהם והוציאוה - זה שיכול חייב, והשני מסייע הוא, ומסייע אינו חייב כלום.**

**וכן כל כיוצא בזה.**

הלכה יז: מקלקל

**כל המקלקלין פטורין. כיצד? הרי שחבל בחבירו או בבהמה דרך השחתה, וכן אם קרע בגדים או שרפן או שבר כלים דרך השחתה - הרי זה פטור.**

**חפר גומא ואינו צריך אלא לעפרה - הרי זה מקלקל ופטור.**

**אף על פי שעשו מלאכה, הואיל וכוונתם לקלקל פטורין.**

הלכה יח: מקלקל על מנת לתקן

**כל המקלקל על מנת לתקן - חייב.**

**כיצד? הרי שסתר כדי לבנות במקומו, או שמחק כדי לכתוב במקום שמחק, או חפר גומא כדי לבנות בתוכה יסודות, וכל כיוצא בזה - חייב, ושיעורו כשיעור המתקן.**

הלכה יט: מקצת בשוגג ומקצת בזדון

**כל העושה מלאכה בשבת מקצתה בשגגה ומקצתה בזדון, בין שהזיד ולבסוף שגג בין ששגג ולבסוף הזיד - פטור, עד שיעשה שיעור המלאכה כולו מתחילה ועד סוף בזדון, ואחר כך יהיה חייב כרת וסקילה, או יעשהו כולו בשגגה מתחילה ועד סוף, ואחר כך יהיה חייב חטאת קבועה.**

**הלכות שבת — סדר ספר זמנים והקדמה לפרק א**

**סדר ספר זמנים — המשך**

**כלל 1: מן החמור אל הקל — ארבע לעוועלס פון שביתה**

## Speaker 1:

ס'איז מער וויניגער דא דריי כללים פון די סדר. דער ערשטער כלל איז מן החמור אל הקל, אז שבת איז אין סדר פון שביתה, ווייסט יעדער איינער אז ס'איז דא פיר לעוועלס פון שביתה אין ימים טובים.

ס'איז דא שבת וואס מ'טאר נישט טון אפילו מלאכת אוכל נפש. ס'איז דא יום כיפור וואס אויך אזוי, נאר מיט וויניגער חומר, נישטא קיין סקילה, אבער ס'איז אויך דא א מצוה פון תענית, אבער די מלאכה איז אזוי ווי שבת. נאכדעם איז דא ימים טובים וואס מ'מעג טון אוכל נפש, ס'איז א צווייטע לעוועל, קען זיין די דריטע לעוועל: שבת, יום כיפור, ימים טובים. נאכדעם איז דא א פערדע לעוועל, וואכנדיגע ימים טובים, אזוי ווי חנוכה, פורים, תעניתים, וואס ס'איז דא אין זיי עפעס אן ענין פון נישט מאכן מלאכה, געוויסע מנהגים, אבער ס'איז נישטא קיין איסור מלאכה.

סא דאס איז קודם איין סדר וואס מ'זעט דא, ער גייט פון שבת צו יום כיפור צו יום טוב צו וואכנדיגע ימים טובים, קען מען עס רופן.

**כלל 2: דאורייתא קודם דרבנן**

א צווייטע זאך איז דאורייתא דרבנן. קוענסט זען, למשל, ביז הלכות קידוש החודש איז לכאורה זיכער אינגאנצן דאורייתא. הלכות תענית האט דער רמב"ם, ס'האט אן עיקר מן התורה, אבער למשל תשעה באב איז נישט קיין מצוה דאורייתא, ס'איז א מצוה דרבנן. סא ס'איז חצי דאורייתא חצי דרבנן. דאס איז די צווייטע זאך, ער הייבט אן מיט דאורייתא'ס, און מגילה וחנוכה איז שוין אינגאנצן נאר מדרבנן. איז דאס די צווייטע זאך.

**כלל 3: מן הכלל אל הפרט**

און די דריטע זאך איז מן הכלל אל הפרט. אזוי ווי אנשטאט פון מאכן הלכות יום טוב עפעס איין הלכות און רעדן הלכות פסח און סוכות יעדע עקסטער, מאכט ער קודם די כלל, שביתת יום טוב, וואס דאס איז גלייך אין אלע ימים טובים די שביתה ממלאכה. און נאכדעם די מצוות פרטיות זענען נוהג אין הלכות פסח. ס'איז נישטא קיין הלכות פסח אין רמב"ם, ס'איז דא הלכות חמץ ומצה. פסח, די שביתה שטייט שוין אין הלכות שביתת יום טוב. וואס שטייט נאר וואס מ'דארף אין פסח שטייט שוין אין הלכות תפילה. דאס איז די סדר הרמב"ם. דא זאגט ער נאר וואס איז די מצוות המיוחדות פון פסח.

**דיגרעסיע: שקלים און קידוש החודש — פארוואס זיי שטייען ביי די ענד**

נאכדעם אויך, איך מיין אז די שקלים און קידוש החודש זענען צוויי הלכות וואס געהערן נישט אינגאנצן צו די סדר, פארדעם וואס זיי זענען ביי די ענד פון די דאורייתא'דיגע מצוות, און דארט באלאנגען זיי, ער האט נישט געטראפן קיין בעסערע פלאץ זיי צו לייגן. הגם, אזוי ווי דו זאגסט, מ'קען לייגן קידוש החודש אן אן אב, אבער ס'פאסט נישט, ס'איז נישט אמת'דיג דא. אין ספר המצוות מיין איך איז קידוש החודש טאקע די ערשטע פון די גרופע.

## Speaker 2:

אקעי. יא.

## Speaker 1:

איז אויך, למשל אזוי ווי דו זאגסט שקלים און קידוש החודש, קען מען טראכטן נאך פלעצער ווי ס'קען פיטן. שקלים קען פיטן אלס א דין אין הלכות קדשים, געלט פאר קרבנות. קידוש החודש קען מען שטימען ערגעץ ווי צווישן די הלכות פון דינים, איך ווייס, אין סנהדרין, הלכות שופטים דארטן.

**דער רמב"ם'ס עסטעטישקייט — למשל הלכות עירובין**

אבער דארף מען פארשטיין, קודם כל איז זייער שיין געזאגט אז דער רמב"ם לייגט א דגוש אויף די עסטעטישקייט. אויף דעם הייבט ער אן מיט א פסוק. אויך די עסטעטישקייט איז אז ס'זאל נישט זיין קיין גאר דינע ספרים און גאר דיקע ספרים, און אפילו אין די הלכות.

למשל, הלכות עירובין איז א סניף אין הלכות שבת. איז וואלט זייער שיין געווען שבת, שביתת עשור, שביתת יום טוב, דריי מיני שביתות, ווייל עירובין איז דאך א סניף אין די שביתות. אבער ס'איז דאך אויך דא פראקטישע זאכן, אז הלכות שבת ווערט זייער לאנג, און דער רמב"ם ווייל נישט אז א מענטש... ס'דארף דאך זיין א סדר פאר די לומדים און פאר די ספר, האט ער ארויסגענומען הלכות עירובין און ס'געלייגט אלס אן עקסטערע סניף, ווייל ס'איז א קאטעגאריע בפני עצמו. בעצם, די גמרא האט עס געטון אזוי, גייט ער אנהייבן.

**דיגרעסיע: דער באגריף "שביתה"**

אבער איך האב אויך נאך א קליינגקייט, אז ס'איז דא דא דיווארט "שביתה", די זעלבע ווארט ווי "שביתה" פון שבת, איז די זעלבע ווארט "שביתת עשור". ווייל "שביתת עשור" מיינט צוויי זאכן: שביתה פון מלאכה און שביתה פון עסן. אזוי שטייט, דער רמב"ם רופט עס אזוי, "שובת זיין" פון עסן. אזוי ווי למשל אויך שמיטה ווערט גערופן "שובת זיין" פון טון די געוועונליכע ארבעט. "שובת זיין" מיינט ברעכן די רעגולער סייקל.

ווי נעמט מען עס? ס'איז א לשון פון צו שטערן, ס'טייטש, עפעס וואס מ'טוט בדרך כלל, און יעצט סטאפט מען עס טון. א יעדן טאג א מענטש עסט און ארבעט. יום כיפור סטאפט מען אים פון עסן, און שבת סטאפט מען אים פון ארבעטן. און שביתת יום טוב איז א שוואכערע סארט, ווייל וויניגער זאכן, די חיוב איז וויניגער, ס'טייטש, מ'מעג טון געוויסע מלאכות אוכל נפש, און אויך די די ס'איז נישט חייב סקילה, ס'איז וויניגער חמור. קומט עס דארטן.

## Speaker 2:

זייער גוט.

### הקדמה להלכות שבת – די פינף מצוות

## Speaker 1:

אקעי, און די הלכות שבת, לאמיר לאזן, גייען מיר סקיפן צו די אנהייב פון הלכות שבת, ווייל דא ברענגט ער אויף יעדע הלכה, מיר וועלן שוין לערנען דארט. מיר וועלן נאך נישט לערנען ספר המצוות, נאר לערנען די פינף מצוות וואס זענען דא אין הלכות שבת.

זאגט דער רמב"ם, **"יש בכללן חמש מצוות"**. אייביג הייבט ער דאך דער רמב"ם אן מיט וואו קומט אריין די הלכות אין די תרי"ג מצוות. זאגט ער, הלכות שבת האט פינף מצוות, **שתי מצוות עשה ושלוש מצוות לא תעשה**, צוויי מצוות עשה און דריי לא תעשה, **וזהו פרטן**.

#### די פי��ף מצוות – ארגאניזירט לויט ענין

די ערשטע מצוה איז **לשבות בשביעי**, צו שטערן און סטאפן ארבעטן בשביעי, שלא לעשות בו מלאכה. די צווייטע מצוה איז... די מצוות עשה...

סאו, איך וויל עס זאגן, דער רמב"ם מאכט אזוי א ליסט אין אנהייב פון יעדע הלכה. דער רמב"ם'ס ספר איז בעצם א ספר המצוות מורחב, רייט? נאר ארגאניזירט לויט די קארעספאנדינג וואס הייסט הלכות. און ממילא זאגט ער, אין הלכות שבת איז געבויט אויף פינף מצוות, צוויי עשה'ס און דריי לא תעשה'ס.

אבער ער ארגאנייזט נישט, אין זיין ליסט זאגט ער נישט צוויי מצוות עשה קודם און נאכדעם דריי מצוות לא תעשה, נאר קארעקט, ער זעט שוין לויט די ענין.

סאו למשל, ס'איז דא א מצות עשה, א', **לשבות בשביעי**. נאכדעם ב', מצות לא תעשה, הייסט **שלא לעשות בו מלאכה**. ס'איז בעצם צוויי זייטן פון די זעלבע זאך, מ'וועט זען אין די וויניג די הלכה דערפון.

נאכדעם איז דא נאך צוויי מצוות לא תעשה, ג', **שלא לענוש בשבת**, מ'זאל נישט שטראפן בשבת, בית דין זאל נישט געבן עונש בשבת, א לאו פאר זיך לויט דער רמב"ם. די פערדע מצוה, **שלא לצאת חוץ לגבול בשבת**, מ'זאל נישט ארויסגיין חוץ פון די גבול שבת, וואס איז נישט פון די לאו פון "לא תעשה מלאכה", ס'איז אן עקסטערע לאו, די מצוה פון תחום שבת. סא דאס זענען אזויווי צוויי הוספות אויף "לא תעשה בו מלאכה". חוץ פון נישט מלאכה, איז דא נאך צוויי זאכן וואס זענען נישט ממש קיין מלאכה, אבער מ'טאר זיי נישט טון, און ס'איז אן עקסטערע לאו.

און פינף איז שוין א נייע מצוה, ס'האט נישט מיט מלאכה, נאר אן עקסטערע זאך, די מצוה פון **לקדש היום בזכירה**, די מצוה פון קידוש, מקדש זיין די טאג דורך עס דערמאנען, דורך עס דערמאנען בתפילה, בקידוש.

#### פארוואס פינף מצוות? תורה שבעל פה מסביר תורה שבכתב

און ס'איז דא א מצוה וואס דער רמב"ם איז מסביר פארוואס פינף, ווייל למשל אין די תורה שטייט זייער אסאך מער מאל ווי פינף מאל די מצוה פון שבת. אבער חז"ל האבן אונז געזאגט מיט תורה שבעל פה וועלכע האבן זיי געזאגט שטייט די זעלבע זאך אפאר מאל צו מער אנווארענען, און וועלכע איז אן עקסטערע מצוה. למשל, "שלא לענוש בשבת" האבן אונז געלערנט אז די תורה האט נישט געמיינט סתם נאכאמאל צו ווארענען אויף שבת, נאר ס'האט געמיינט דעי ספעציפיק. סאו דאס איז ווי תורה שבעל פה איז מסביר די תורה שבכתב.

#### פרק א, הלכה א – מצות שביתה ועונשיה

## Speaker 1:

און לאמיר גיין ווייטער אינעם רמב"ם. איז דאס זענען די מצוות. גייען מיר יעצט לערנען די ערשטע פרק. די ערשטע פרק הייבט אן דער רמב"ם כדרכו מיט די הגדרה פון די מצוה. וואס איז דער חיוב? וועלכע עונשים באקומט מען דערויף? וועלכע זאכן זענען דאורייתא און דרבנן? מ'גייט זען. און נאכדעם גייט ער זאגן אין דעם פרק כללים פון מלאכה פון שבת.

סאו, לאמיר לערנען.

## Speaker 2:

יא.

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, הלכה א'. די קעפל פון די רמב"ם איז... אה, דער רמב"ם האט נישט געמאכט קיין קעפלעך, די אלע קעפלעך האבן אנדערע מענטשן צוגעלייגט.

#### דער רמב"ם'ס לשון: "שביתה בשביעי" נישט "בשבת"

זאגט דער רמב"ם, **"שביתה בשביעי ממלאכה מצות עשה היא, שנאמר 'וביום השביעי תשבות'"**. וועלכע פסוק איז דאס? שמות כ"ג.

אקעי, לאמיר נישט ווערן סטאק אויף דעם. דער רמב"ם ברענגט אלעמאל א פסוק וואס איז די גרינגסטע און די קורצסטע צו ברענגען. ער גייט נישט מיט די ערשטע. דער כלל הרמב"ם איז... ס'איז דא א פסוק אין משפטים, ס'שטייט שוין פריער אין די עשרת הדברות, און ס'שטייט שוין פריער אין מרה. ניין, דער רמב"ם ברענגט אלעמאל א פסוק וואס איז די גרינגסטע צו ברענגען. סאמטיימס איז עס די זעלבע פסוק ווי די גמרא, סאמטיימס נישט. ער האלט אז אלע זענען די זעלבע מצוה, ס'איז נאר נאך לשונות, נאך ווערטער. קען מען נעמען איינע פון זיי, וואס פאר סאם ריזען האט דער רמב"ם געוואלט.

ער זאגט נישט "שביתה בשבת", ווייל שבת איז געווארן נאך די שביתה. "שביתה בשביעי", אין די זיבעטע טאג. נאכדעם וואס מ'טוט שביתה בשביעי, קען מען עס שוין רופן שבת. ער וויל "וביום השביעי תשבות".

#### ביטול עשה ולא תעשה

**"וכל העושה בו מלאכה ביטל מצות עשה זו"**, ער מבטל יענעם מצות עשה וואס ער האט יעצט געזאגט, **"ועבר על לא תעשה, שנאמר 'לא תעשה כל מלאכה'"**. ס'איז אויך דא א לא תעשה.

#### עונשים: כרת, סקילה, חטאת

און וואס איז די עונש אויף דעם? מ'ווייסט דאך שוין, איינמאל ס'איז דא א לא תעשה איז דא אן עונש. זאגט דער רמב"ם, **"העושה מלאכה אם עשאה ברצונו בזדון"**, אויב האט ער עס געטון ברצונו בזדון – ס'איז צוויי זאכן: בזדון מיינט להכעיס, ער האט נישט געוואוסט, און ברצונו מיינט להכעיס, איינער האט אים געצווינגען. יא? **"חייב כרת"**. ער איז חייב כרת. ס'שטייט נישט "אן עדים און אן התראה", ער איז חייב כרת. דער רמב"ם האט שוין מסביר געווען אין ספר המדע וואס כרת איז, אז די נשמה ווערט נכרת.

**"ואם היו שם עדים והתראה"**, אויב עס איז געווען עדים והתראה איז דער עונש סקילה. **"ואם עשה בשוגג"**, אויב האט ער געטון די מלאכה בשוגג, יא? דאס הייסט, כסדר זאגט מען סתם שוגג, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז א מלאכה אדער ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז שבת, ער האט נישט געוואוסט וואסערע מעשה ער טוט, **חייב קרבן חטאת קבועה**, איז ער חייב א קרבן חטאת קבועה.

### הלכות שבת: עונשים, כללי לשונות, ודיני כוונה במלאכה

#### הלכה א (המשך) — עונשים פאר מלאכת שבת

**דער רמב"ם'ס ווערטער: ואם היו שם עדים והתראה — חייב סקילה. ואם עשה בשוגג — חייב קרבן חטאת קבוע.**

ואם היו שם עדים והתראה, אויב עס איז געווען עדים והתראה, איז דער עונש סקילה.

ואם עשה בשוגג, אויב האט ער געטון די מלאכה בשוגג, דאס הייסט, ער האט נישט געוואוסט אז עס איז א מלאכה, אדער ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז שבת, אדער ער האט נישט געוואוסט וואסערע מעשה ער טוט, חייב קרבן חטאת קבוע. ער איז חייב א קרבן חטאת קבוע. קבוע מיינט אז עס האט אייביג די זעלבע הלכה פון וועלכע סארט בהמה מען דארף ברענגען. עס איז דא וועו ס'איז א קרבן עולה ויורד, אבער דאס איז א קרבן חטאת קבוע.

#### הלכה א (המשך) — דער כלל פון לשונות: חייב, פטור, מותר

זאגט דער רמב"ם, **"כל מקום שנאמר בו בשבת שאסור לעשות דבר זה חייב".**

יעצט דארף מען לערנען א כלל. מיר האבן יעצט געזאגט אז ס'איז דא אן עונש פון שבת. דאס איז ווען מ'איז חייב, ווען ס'איז א דבר איסור מדאורייתא אין הלכות שבת, א מלאכה פון שבת, איז דא די דריי עונשים. יעצט דארף מען לערנען א געוויסע כלל. ס'איז דא א געוויסע כלל סך הכל פאר די לשונות וואס מ'גייט זען נאך אין שבת. סיי אין די משנה און די גמרא נוצן זיי די לשונות מיט די כללים, און דער רמב"ם אליינס גייט נוצן די כללים. סאו ברענגט ער יעצט די דריי לשונות פון די דריי לעוועלס פון איסור שבת כביכול. ס'געהערט דא סיי וואס איז דער כלל פון וועלכע סארט עונשים און לעוועלס חיובים ס'איז דא אין שבת, און סיי ס'איז א וויכטיגע הקדמה פאר די רעשט פון די הלכות. וועסט זען די לשון "חייב", וועסטו וויסן וואס ער מיינט. וועסט זען די לשון "פטור", וועסטו וויסן וואס ער מיינט. זייער גוט.

למשל, ביי א קורצע הלכות קען מען יעדע מאל שרייבן "חייב כרת", "חייב סקילה". אבער הלכות שבת איז אריכות, און ער גייט א גאנצע שטאט ברענגען די גמרות. איז עס א גוטע זאך, ער זאגט דיר יעצט די קאוד וואס "חייב" מיינט, און ער דארף עס נישט ארויסשרייבן יעדע מאל.

### די לשון "חייב"

**כל מקום שנאמר בו בשבת שאסור לעשות דבר זה חייב**, וואס מיינט חייב? ער איז חייב כרת, ואם היו שם עדים והתראה חייב סקילה, ואם עשה בשוגג חייב חטאת. אייביג "חייב" מיינט ער באקומט די עונשים לפי המצב.

### די לשון "פטור"

**ובכל מקום שנאמר בו שאסור לעשות דבר זה פטור**, ס'איז נישט מיין אז ס'איז מותר, נאר "פטור" מיינט פטור מן הכרת ומן הסקילה ומן הקרבן, די פארקערטע פון חייב. אבער, ס'מיינט נישט אז ס'איז מותר, **"אסור לעשות אותו דבר בשבת, ואם עשה מכין אותו מכת מרדות"**, וואס דאס איז אן איסור מדברי סופרים, הרחקה מן המלאכה. מיר ווייסן דאך אז די חכמים האבן צוגעלייגט ווען ס'שטייט פטור מיינט עס אז ס'איז נישט פון די איסורי דאורייתא וואס ס'וואלט מחייב געווען, נאר ס'איז אסור, ווייל ווען ס'וואלט געווען מותר וואלט געשטאנען מותר.

**"ואותה עושה בזדון"**, זאגט אונז דער רמב"ם יעצט א כלל, זאלסטו וויסן וואסערע עונש קומט אויף דברי סופרים, **"אף על פי שאין על דברי סופרים מלקות, מכין אותו מכת מרדות"**. ווען ער איז יא עובר אויף א זאך וואס איז נאר א... דאס וואס מ'רופט א שבות, ס'איז נאר א איסור דרבנן, באקומט ער מכת מרדות, אן אנדערע סארט מלקות. די פונקטליכע הלכות איז דער רמב"ם מער מסביר, אבער די טייטש איז מלקות מדרבנן, דאס איז די עברי טייטש. אז דו וועסט אמאל טוהן דאס דארפסטו לערנען די הלכות עונשין פון סנהדרין. אבער מכת מרדות אין רמב"ם מיינט אין סך הכל אז די רבנים געבן מלקות, פארשטייט זיך לויט זייערע כללים, אזוי ווי ביי דאורייתא איז דא כללים, אבער ער מיינט נאר צו זאגן אז ער איז חייב אזוי ווי די רבנים הייסן.

### חידוש: "פטור" מיינט נישט "מותר" אין הלכות שבת

און דאס איז אויך א חידוש, נישט אלעמאל דארף מען דאס זאגן ווען מ'זאגט פטור. נישט אין כל התורה כולה ווען ס'שטייט פטור מיינט עס פטור אבער אסור. ס'איז דא פלעצער וואס פטור מיינט פטור ומותר. אבער דא אויף שבת, און אפשר נאך געוויסע הלכות, דארף מען וויסן אז ווען ס'שטייט פטור זאלסטו נישט מיינען אז מ'מעג. פטור מיינט סך הכל אז מ'דארף נישט ברענגען קיין סקילה, אבער ס'איז אסור צו טוהן, און אפילו אויב מ'טוהט עס במזיד איז אפילו דא מלקות מדרבנן.

### חידוש: מכת מרדות — ממש אן עונש, נישט בלויז כפיה

און מלקות מדרבנן האב איך געוואלט צו מדגיש זיין, און ווי רבי יצחק האט עס מסביר געווען, איז אז ס'איז דא אסאך מאל וואס מ'איז כופה, דאס הייסט אז די בית דין צווינגט אז ער זאל אויפהערן, אבער ס'איז נישט דא אן עונש עפטערוואורדס. אבער דער רמב"ם לערנט, ער רופט עס מכת מרדות, מיינט ער יא, ממש א געהעריגע עונש, נישט נאר אז מ'צווינגט, ווי כופין אותו עד שיאמר רוצה אני אדער א ביז דאך. דאס איז אן עקסטערע דין. אבער אגעין, ס'קען זיין אז די חכמים זענען מחלק אז זיי האבן געגעבן נישט מלקות פאר דעם, זיי האבן געזאגט יא, ס'איז נישט קיין חיוב. דער רמב"ם ברענגט עס אלעס בתור חיוב ממש. אקעי, ס'איז נישט אונזערע.

דאס הייסט, למשל, פון ספר המדע האבן מיר געקענט די עונש וואס חכמים נוצן אלס נידוי. דא האבן מיר זיך געווארן אינטראדוסט צו א נייע עונש וואס חכמים נוצן, מכת מרדות. איך האב נישט געזען מכת מרדות, איך געדענק אין געוויסע הלכות האט דער רמב"ם געזאגט. און די גמרא אסאך מאל, די גמרא איז נישט אזוי סיסטעמאטיש אין דעם וועג. אין די גמרא שטייט אמאל "חייב מלקות", און די גמרא מיינט צו זאגן מכות מרדות וואס איז א דרבנן. דער רמב"ם האט געמאכט פון דעם א קאנסיסטענט סיסטעם. ווען ס'איז דא אסור דרבנן האט ער געשריבן "מלקים אותו מכות מרדות".

### די לשון "אין עושין" / "אסור לעשות"

אקעי, זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וכן כל מקום שנאמר 'אין עושין כך וכך' או 'אסור לעשות כך וכך בשבת'"**, ווען ס'שטייט אזוי, מיינט עס געוויינליך נישט אז ס'איז דאורייתא, נאר ס'מיינט אז ס'איז אסור מדרבנן. און וואס געשעט אויב מ'האט עס געטאן בזדון? דער רמב"ם זאגט אונז נישט וועגן עדים, מ'דארף עדים צו וואס, דאס ווייסן מיר נישט, **"מלקים אותו מכות מרדות"**.

דער רמב"ם האט געזאגט די כללי המילים, די שפראך, וואס ס'טייטשט "אסור". אויב ס'וואלט געווען אסור מדרבנן וואלט נישט געשטאנען "אסור", אויב ס'וואלט געווען אסור מדאורייתא וואלט נישט געשטאנען "אסור", ס'וואלט געשטאנען "חייב". דאך שטייט "אין עושין", ס'וואלט געשטאנען "חייב", נישט "אין עושין".

### די לשון "מותר"

**"וכן כל מקום שנאמר 'מותר לעשות כך וכך'"**, ווען ס'שטייט "מותר", מיינט נישט צו זאגן אז ס'איז מותר מדאורייתא, נאר ס'איז מותר לכתחילה.

### די לשון "אינו חייב כלום" / "פטור מכלום"

**"וכן כל מקום שנאמר 'אינו חייב כלום' או 'פטור מכלום'"**, ווען מ'לייגט צו דאס ווארט "כלום", דעמאלטס מיינט עס אז ס'קומט אויך נישט די עונש פון מכות מרדות, **"אינו מלקים אותו כלל"**, ס'קומט נישט קיין שום מכה, קיין שום עונש, אויך נישט קיין רבנ'דיגע עונש.

### דיסקוסיע: צי "אינו חייב כלום" מיינט מותר לגמרי?

**Speaker 1:** אבער לכאורה משמע אז ס'איז נאך אלץ אסור מדרבנן?

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין. ס'איז אויך מותר מדרבנן. ווייל די לשון "מכלום" קומט ארויסצוברענגען עקזעקטלי דאס.

דאס הייסט, דער רמב"ם וואס זאגט סך הכל אין די צוויי פרטים, ס'איז דא דריי לעוועלס אין הלכות שבת: ס'איז דא חייב, פטור, און מותר. יעצט, די דריי לעוועלס, נישט אלעמאל שטייען זיי אין עקזעקטלי די לשונות. ס'איז דא נאך איין לשון וואס מ'זאגט ביי פטור... סארי, ביי פטור איז נאר דא איין לשון. אבער ניין, ס'איז דא נאך א לשון. ביי חייב איז נאר דא איין לשון. פטור האט צוויי לשונות אדער דריי: "פטור", אבער מ'קען אויך זאגן "אין עושין" אדער "אסור לעשות", וואס דאס מיינט נישט חייב, דאס מיינט נאר... סארי, דאס מיינט פטור מדאורייתא אבער חייב מדרבנן. די זעלבע זאך, מותר האט צוויי לשונות. ווען ס'שטייט מותר. סאו וואס זאגט איינער חייב כלום? וואס גיבט די כלום געט ארויס? אפילו נישט מכות מרדות. ווען ס'וואלט געווען פטור אבער לויט דעם וואלט געווען מכות מרדות, דאס איז מותר. אזוי מיין איך.

מותר שטייט קיינמאל נישט אז ס'איז נאר מותר מדאורייתא. אויב ס'שטייט מותר מיינט עס אויך מותר מדרבנן. אויב ס'שטייט פטור, מיינט עס אז ער איז נאר פטור מדאורייתא, און בכלל נישט פטור פון מכות מרדות. צו וויסן פטור פון מכות מרדות, וועט שטיין "אינו חייב כלום", אויב פטור מכלום.

אבער ס'איז נאך אלץ זייער מעגליך דא א איסור דרבנן וואס ס'איז נישט דא דערויף מכות מרדות, און אויף דעם שטייט "אינו חייב כלום". ווייל אז נישט, וואלט נישט אויסגעפעלט צו מאכן צוויי לשונות פאר די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** ניין, ניין, ניין. ס'איז דא אסאך לשונות. פארוואס זאל נישט אלעמאל שטיין די זעלבע לשון?

**Speaker 2:** די לאדזשיק פון די לשונות מאכן דאך סענס. חייב טייטש חייב חטאת. פטור טייטש פטור, פטור פון עפעס אן עונש. דאס איז דאך חייב, חייב איז חייב, נישט חייב לעשות קיין. ווען מ'זאגט אסור, מיינט עס נישט אז דו באקומסט אן עונש? גראדע די רמב"ם האלט אז דו באקומסט מכות מרדות, ס'קען זיין אמת, אבער די ווארט זאגט טו עס נישט. מותר טייטש דו מעגסט עס טון, ס'איז אן אנדערע טייטש. אבער די זעלבע זאך, "אינו חייב כלום", פארוואס געבסטו אים די לשון כלום? די לשון כלום געבסטו אים אז ס'איז מותר. אזוי מיין איך. וואס קען זיין אנדערש?

אויב וואלט געווען מותר, איז שווער צו זאגן אז "אינו חייב כלום" מיינט צו זאגן... פארוואס זאלן נישט די חכמים נאכמאכן די זעלבע לשון פון תורה?

**Speaker 1:** איך האב געזאגט אז... די תורה שטייט נישט פטור, די תורה שטייט... איך רעד אבער פון די רמב"ם. פארוואס זאל ער נישט זיין קאנסיסטענט און זאגן אז "אינו חייב" מיינט נאר נישט די עונש?

**Speaker 2:** ווייל איך גלייב שוין, ס'איז דא מסתמא הלכות אין הלכות שבת וואס ס'איז נישט דא קיין מכות מרדות אבער ס'איז איסור דרבנן, ווייל ס'איז א חומרא, ווייל מ'זאל אננעמען די חומרא, אדער ווייל... מיר זעט נישט אויס.

אקעי, לאמיר זען אויב מ'טרעפט ראיות.

**Speaker 1:** איך דארף נישט קיין ראיות.

**Speaker 2:** ניין, מ'דארף נישט קיין ראיות, אבער די כסף משנה זאגט אזא זאך. אבער ס'איז דא אין די רמב"ם, יעדע זאך איז דא מער ווי איין לשון. ס'איז דא א כלל'דיגע לשון, מ'קען געדענקען, יעדער קען געדענקען אמאל צו זאגן פטור, אמאל זאגט ep "אינו חייב כלום". ס'מיינט די זעלבע, ס'איז נישט אזא פראבלעם. מיר זעט דא אויס ווי די כסף משנה מאכט אסאך סענס שוין.

**Speaker 1:** דו האסט עס געלערנט פאר די שיעור, פארדעם.

**Speaker 2:** געוועגליך ווען א מענטש קוקט עפעס נאכדעם מיינט ער... ניין, איך האב שוין פארדעם געקוקט אין כסף משנה. ניין, ניין, ער זאגט דאך עס מיט די פשוט'ע ווערטער, "אינו חייב כלום" מיינט אז ער איז נישט... פארוואס זאל ער נישט זאגן פטור? מען האט אונז שוין געזאגט וויאזוי מען זאגט מותר לכתחילה. מותר לכתחילה זאגט מען מיט די ווערטער מותר לעשות כך וכך. איינער איז חייב, וויאזוי ווייסט מען אז ער איז נישט חייב? ווען עס שטייט די ווארט קלאר. אזוי זעט מען ארויס פון די... אקעי, זענען מיר ביי די אחרונים, ברוך השם. דו קענסט קוקן אין די מפרשים שפעטער.

**הלכה ה — דבר שאין מתכוין (מלאכה בלא כוונה)**

זאגט דער רמב"ם ווייטער. אקעי, עד כאן האבן מיר געלערנט וואס מען איז חייב, וואס מען איז פטור, וואס איז די עיקר איסור פון מאכן א מלאכה שבת. יעצט גייען מיר לערנען פארשידענע... נישט, מיר האלטן נאך זייער ווייט פון לערנען וואס די מלאכות זענען, דאס וועט נאר אנקומען אין פרק ז'. מיר גייען יעצט גיין לערנען כללים פון וואס הייסט געטון א מלאכה, לשם כוונה, לשם... איך מיין, ער גייט דא געבן אפאר פעלער פון וואס הייסט נישט געטון א מלאכה ווייל עס פעלט כוונה. ער גייט אונז דא זאגן אז א מלאכה קומט מיט מיט כוונה, דאס איז וואס איז חייב. און וואס טייטש נישט כוונה, גייט ער אונז זאגן וועלכע זאך קען הייסן נישט כוונה, און וועלכע זאך הייסט כוונה אפילו אז עס זעט אויס ווי ער האט נישט קיין כוונה אדער וואס. יא, דאס זענען די נעקסטע פאר הלכות, שיינע סוגיות אין די גמרא, מ'רעדט ארום דעם אסאך, אבער מיר גייען לערנען דא זייער פשוט. יא, מיר ווילן וויסן די כללים, מיר ווילן נישט וויסן למדנות וואס קאנפיוזט נאר מענטשן.

ניין, ניין, מיר דארפן דאך פארשטיין. מיר דארפן גארנישט פארשטיין, מיר דארפן וויסן אז עס שטייט.

**דבר שאין מתכוין — אפשר שתעשה ואפשר שלא תעשה**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: דברים המותרין לעשותן בשבת, אבל בשעת עשייתן אפשר שתעשה בגללן מלאכה ואפשר שלא תעשה — אם לא נתכוין לאותה מלאכה אלא נתכוין לדבר המותר לעשותו הרי זה מותר. כיצד? גורר אדם מטה וכסא וספסל וכיוצא בהן בשבת, ובלבד שלא יתכוין לחרוץ בקרקע בשעת גרירתו.**

זאגט דער רמב"ם, **"דברים המותרין לעשותן בשבת"** — זאכן וואס מען מעג טון בשבת, אזוויוי ער גייט שוין געבן א דוגמא, **"אבל בשעת עשייתן אפשר שתעשה בגללן מלאכה ואפשר שלא תעשה"** — ווען מען טוט די געוויסע זאכן וואס מען מעג טון, אסאך מאל בדרך אגב טשעפעט זיך מיט, עס געשעעט, עס ווערט געטון מיט דעם מעשה נאך עפעס א מלאכה, אבער עס איז נאר אן אפשרות, אמאל יא, אמאל נישט. איז אזוי, **"אם לא נתכוין לאותה מלאכה אלא נתכוין לדבר המותר לעשותו הרי זה מותר"** — אויב האט ער נישט מתכוין געווען צו די מלאכה, נאר ער איז מתכוין געווען צו די דבר המותר לעשותו, איז ער מותר. די כוונה איז נישט טייטש אז ער שטופט מיט די פארמאכטע אויגן און ער מאכט כוונות, ער מיינט צו טון די מלאכה, ער מיינט צו טון די מותר'דיגע זאך. און די דוגמא גייט מסביר זיין. **"כיצד? גורר אדם מטה וכסא וספסל"**. א מענטש מעג שלעפן א בעט, אדער א בענקל, אדער א שאפע, **וכיוצא בהן בשבת**, ווייל דאס איז א דבר המותר לעשות בשבת, ער מעג טראגן זאכן שבת אין א פלאץ וואס איז מותר מיט טראגן.

**אבל ובלבד שלא יתכוין לחרוץ בקרקע בשעת גרירתו**, ווען ער שלעפט א שווערע זאך,

**הלכות שבת: דבר שאינו מתכוין, פסיק רישיה, ומלאכה שאינה צריכה לגופה**

**הלכה ה (המשך) — דבר שאינו מתכוין: דוגמאות און תנאים**

און די דוגמא גייט מסביר זיין. כיצד? **גורר אדם מטה וכסא ומגדל**, א מענטש מעג שלעפן א בעט, אדער א בענקל, אדער א שאפע, **וכיוצא בהן בשבת**, ווייל דאס איז א דבר המותר לעשות בשבת, מען מעג טראגן זאכן שבת אין א פלאץ וואס איז מותר צו טראגן, **ובלבד שלא יתכוין לחפור חריץ בקרקע בשעת גרירתו**. ווען ער שלעפט א שווערע זאך גייט קענטיג'ס מאכן א קריץ אין די פלאר. איז אויב א מענטש וויל מאכן א קריץ אין די פלאר און ער שלעפט א בעט, איז דאך זיכער אז דעמאלטס איז ער עובר ממש אויף די מלאכה פון, וואס אונז גייען מיר שפעטער לערנען, פון חורש, פון גראבן, מאכן א לאך אין די פלאר.

וואס טוט זיך אבער ווען א מענטש וויל נישט גראבן די פלאר, ער וויל שלעפן זיין מטה, אבער שלעפן די מטה אסאך מאל מאכט עס אזא קריץ אין די פלאר? זאגט דער רמב"ם אז מען מעג עס טון. **ולפיכך**, אויב האט מען טאקע געטון אזוי, מען האט געשלעפט א שווערע זאך און מען איז חופר געווען מיט דעם די קרקע, **אינו חושש בכך**, ער דארף נישט מורא האבן אז ער איז נישט נכשל געווארן מיט א איסור, **לפי שלא נתכוין לחרוש**, ער האט נישט אונזין געהאט צו חורש זיין, ער האט נישט געמיינט.

די זעלבע זאך, נאך א דוגמא. **וכן מהלך אדם על גבי עשבים בשבת**, א מענטש מעג גיין אויף גראז בשבת, און ביים גיין אויף גראז קען זיך דאך אויסרייסן גראז, **ובלבד שלא יתכוין לעקור אותן**, דאס איז דאך נישט זיין כוונה, זיין כוונה איז דאך נאר צו גיין, **לפיכך אם נתלשו אינו חושש**, אויב ס'האט זיך יא אויסגעריסן איז ער נישט חושש, ווייל דאס איז דבר שאינו מתכוין, דאס האט ער נישט אונזין געהאט.

נאך א דוגמא, **ורוחץ ידיו בעפר הפירות וכיוצא בו**. מען מעג זיך אפוואשן די הענט בעפר הפירות, מיט א סארט זאך וואס מען נוצט זיך וואשן די הענט, שטויב, א פאודער פון געוויסע פירות צו וואס, אזוויוי מען נוצט זייף, און מען וואשט מיט דעם אפ די הענט, און מיינט מען אפצוואשן, ווייל שבת

מעג מען אפוואשן. אבער די זאך קען אויך אויסרייסן אסאך מאל די האר פון די הענט, און אבער ווייל ס'איז נישט זיין כוונה, לאזט ער הסר. ווי לאנג דאס איז נישט זיין כוונה, דאס איז נישט וואס ער טוט, דאס איז נישט וואס ער זוכט דא צו טון, איז לפיכך איז אים נישט, אפילו ס'האט זיך אויסגעריסן, איז ער נאר איינער חושש, ווייל זיין כוונה איז נאר געווען די רחיצה.

נאך א דוגמא, **פרצה דחוקה**, אז א מענטש האט א זייער א שמאלע דורכגאנג אין די הויז וואו ער קען נאר דורכגיין, אדער אין די בנין, וואס די פראבלעם איז, ווען ער וואקט דורך איז זייער מעגליך אז ער מאכט אביסל גרעסער די לאך, ווייל ווען ער רוקט זיך רוקט זיך א שטיינדל, און ס'קען ארויספאלן א שטיינדל. אבער ס'איז נאר א אפשר, אזויווי ער זאגט, אפשר תתלוש. **מותר לכנוס בשבת**, מעג מען אריינגיין אין די פרצה, **אפילו אם נשרות**, אפילו ס'פאלט אראפ פון אים שטיינער פון די וואנט, ער מאכט די פרצה אביסל גרעסער, וואס וואלט לכאורה געווען א איסור בונה, אבער היות דאס איז נישט זיין כוונה, איז עס מותר. אדער בונה, ער מאכט גרעסער די פרצה, ער בויט מיט דעם א וואנט אזויווי, ער בויט א טיר מיינט ער. סתם איז עס א איסור, ס'איז א איסור מן התורה לבנות, אבער ס'איז א איסור. קען מען דייק זיין צו ס'איז ממש א איסור על כל פנים, יא.

**וכן כל דבר שאינו מתכוין, כגון זה**, אדער עני אנדערע דוגמאות פון א דבר שאינו מתכוין, ווען ער טוט עפעס און ס'איז דא א רעזולטאט וואס געשעט נאך עפעס, אבער דאס איז נישט זיין כוונה, איז עס מותר.

**צוויי תנאים פאר דבר שאינו מתכוין**

סאו דא איז דא צוויי תנאים: איינס, אז ער מיינט נישט די איסור. דאס הייסט, אויף ער שלעפט א בענקל כדי צו מאכן א לאך, איז עס געהעריג חורש. ער שלעפט א בענקל ווייל ער דארף א בענקל, גראדע ווערט א לאך, איז עס מותר. די צווייטע תנאי איז אז ס'ווערט נישט בהכרח, ס'ווערט אמאל יא, אמאל נישט.

**דיסקוסיע: צו דארף מען אויספארשן דעם ספעציפישן פאל?**

אבער דא איז אביסל שווער צו פארשטיין, ווייל א מענטש קען דאך זען אויף די מיטה, אויב ס'איז א זייער העווי מיטה מאכט עס א לאך. ס'איז נישט שווער צו פארשטיין, ס'מיינט אז אמאל יא און אמאל נישט, יעדע צווייטע מאל מאכט עס א לאך. אזויווי ער זאגט, ס'ווענדט זיך אויף די מיטה, ס'ווענדט זיך אויף דעם. אבער די הלכה דא זאגט אז א מענטש דארף נישט אויספארשן צו די מיטה מאכט אייביג א... מ'דארף נישט אריינגיין אין פרטים, ווייל די אידיע איז פשוט, א מענטש ווייסט אז דאס געשעט נישט יעדע סינגל מאל, ס'געשעט יעדע צווייטע מאל, דערפאר דארף ער נישט קיין חקירה. ער טראכט נישט, ער דארף נישט שטיין און מאכן זיכער.

דאס איז די ווארט. לכאורה שטייט דא אז אויב ס'איז דא אן אפשרות אז נישט, דארף ער נישט... נארמאלערהייט וואלט א מענטש געדארפט נישט נכשל צו ווערן, וואלט ער געדארפט טראכטן אז יעדער גראבער מענטש מאכט א... אבער אויב דער מענטש האט שוין איינמאל דורכגעוואקט און ס'איז אראפגעפאלן...

לאמיר לערנען ווייטער, ווייל דא ווערט עס א שאלה וועגן... ווען מ'גייט אריין אין דיטעלס ווערט מען קאנפיוזד, אבער דער כלל איז זייער פשוט. ס'איז דא זאכן וואס מ'ווייסט זענען נישט בהכרח געשעעט, ס'געשעט אמאל יא און אמאל נישט, אפשר רוב מאל אפילו, נישט קיין חילוק, אבער נישט מוכרח, איז דאן אן אונס, און דעמאלטס מעג מען. אבער, יעצט קען מען לערנען די צווייטע זייט פון די מטבע וואס מיר האבן יעצט גערעדט.

**הלכה ו — פסיק רישיה ולא ימות**

יא, לכאורה. **עשה מעשה ונעשית בגללו מלאכה**. וואס איז געשען? א מענטש האט געטון דאס וואס דער רמב"ם האט יעצט געזאגט. ער האט געטון א מעשה, און וועגן דעם איז געשען א מלאכה. ער האט געטון עפעס, למשל, און ס'איז געשען לכבוד דעם א מלאכה, **שוודאי תצא בשביל אותה המעשה**. ס'איז געשען אזא מין מלאכה וואס דאס יא איז זיכער ודאי אז ס'געשעט וועגן יענער מעשה. דער רמב"ם גייט שוין זאגן די דוגמא. **אף על פי שלא נתכוין לה**, אפילו ער האט נישט אין זין געהאט די צווייטע מלאכה וואס איז געשען אלס א רעזולטאט, איז ער יא חייב. פארוואס? **שהדבר ידוע שאי אפשר שלא תעשה אותה מלאכה**. אויב א מענטש טוט עפעס וואס אייביג געשעט פון דעם אלס א רעזולטאט א מלאכה, אפילו זיין כוונה איז נישט געווען די מלאכה, אבער די רעזולטאט ברענגט בהכרח... די מעשה ברענגט בהכרח די רעזולטאט, די מלאכה, איז ער חייב.

**דוגמא: חותך ראש עוף**

דער רמב"ם גייט ווייטער. **הרי שהיה צריך לראש עוף לשחק בו לקטן**. ער האט אן עוף, און ער ווייל האבן די קאפ פון די עוף צו שפילן פאר א קטן. סאו וואס טוט ער? **חותך ראשו בשבת**. ער שניידט אראפ די קאפ פון די עוף כדי ער זאל האבן די קאפ דערפון צו קענען געבן פאר א קטן. **אף על פי שאין סוף מגמתו להריגת העוף אלא לחתוך ראשו בלבד**. דער מענטש וועט טענה'ן, "איך בין נישט דא א שוחט, איך בין איינער וואס ווייל אפשניידן די קאפ". אזוי שעכט מען. אבער איך זוך נישט דא צו שעכטן, איך דארף האבן פונקט אזא סייז טוי. מיין יונגל עפעס פעלט די סייז טוי, איך וועל געבן א שנייד אראפ די שטיקל. איז ער יא חייב. פארוואס? ס'איז טאקע א דבר שאינו מתכוין, ער מיינט נישט צו שניידן, ער מיינט נאר צו האבן די סייז קאפ. אבער ס'איז נישטא קיין וועג צו האבן די סייז קאפ אן שניידן. **ס'איז א דבר ידוע שאי אפשר יחתוך ראשו של חי אלא וימות בו בשעה**. ס'איז א דבר ידוע אז מ'קען נישט אראפשניידן, די ספעציפישע זאך קען מען נישט אראפשניידן אן דעם וואס מ'זאל מיט דעם הרג'ענען. ממילא, אפילו ס'איז א דבר שאינו מתכוין, אבער מ'האט נישט דא די צווייטע תנאי אז ס'איז אפשר ולא אפשר. **וכן כל כיוצא בזה**.

**חידוש: קאטעגאריע פון מעשה, נישט ספעציפישער פאל**

סאו וואס ס'זעט דא אויס איז אז ווען די קאטעגארי פון די זאך איז אז ס'איז אייביג אי אפשר, דארף א מענטש נישט קוקן אין זיין ספעציפישע פאל צו ס'גייט יא געשען צו ס'דארף נישט געשען, ער דארף נישט אויספארשן פארדעם, מאכן עקספערימענטס. נאר אויב ס'איז א מין זאך וואס נישט אייביג געשעט איז בהכרח אזא רעזולטאט, און דאס איז נישט זיין כוונה, אבער אויב ס'איז אבסורד, יעדער איינער ווייסט אז דאס געשעט, העלפט נישט. מ'קען נישט זאגן אז דאס איז נישט געווען זיין כוונה.

דאס איז א חקירה וואס איז איינע פון די נפקא מינה'ס אבער למעשה, אבער וואס איז גערעכט, וואס איז נפקא מינה למעשה איז די שאלה וואס דו האסט זייער גערעכט, צו יעדע מאל קען מען מאכן א רוב און טשעקן צו דאס. פון די דוגמאות אט ליעסט וואס דער רמב"ם האט געברענגט, דער רמב"ם גייט נישט אריין אין טעמים און למדנות, אבער פון די דוגמאות וואס דער רמב"ם ברענגט זעט מען זייער קלאר אז אט ליעסט די פסיק רישיה ולא ימות וואס מיר זאגן אז מודה רבי שמעון אויף דעם אז ס'איז אסור, ברענגט מען די קלארסטע דוגמא וואס קען נאר זיין. מ'זאגט נישט "אבל אם הוא יפרוץ דחוק מאוד וואס איז די איינציגסטע וועג", ס'איז שטארק נישט דאס. סאו ס'סאונדט ס'איז מער נוטה צו די זייט.

סאו ס'האט צו טון מיט די קעטעגארי, נישט מיט די ספעציפישע פאל. די מינע זאכן וואס אייביג איז זענען די זאכן קאנעקטעד, אייביג אראפנעמען די קאפ פון א טשיקן איז געהארגעט די טשיקן, דאס טאר מען נישט טון. אבער די מינע זאך ווי אדורכגיין אין א שוואכע פלאץ, האט מען נישט גע'אסר'ט די מין זאך, ס'הייסט נאך אלץ א דבר שאינו מתכוין. איך קען עס אפשר אזוי זאגן, אבער איך ווייס אפילו אויב ס'איז א קארעקט ווארט. דאס איז זייער ודאי. דאס הייסט, יעדע זאך אין די וועלט איז דאך א שטיקל ספק. איך שלעפ א העווי, א זייער העווי בעט, איז דאך אלץ א ספק, ווייל דאס איז נישט קיין כלי מחרישה, דאס איז א בעט. גיי ווייס, עס ווענדט זיך ווי שטארק די זאמד איז, און ווי העווי די בעט איז, און ווי שלעכט מען שלעפט, און צו יענער הייבט עס אויף העכער, צו נידריגער, תלוי אין טויזנט זאכן. סוף כל סוף, איך זאג דיר, ס'איז דאך איין וועג'ל אין די וועלט אז מ'שניידט אפ די קאפ פון א טשיקן און ס'לעבט נאך. חוץ, איך ווייס נישט, אויב ס'איז

א באבא סאלי, איך ווייס נישט. בדרך הטבע איז נישטא אזא זאך. צו דאס רעדט די גמרא אלעמאל.

**ביאור: קאטעגאריע איז דער עיקר, נישט צוויי גלייכע תנאים**

איך וואלט עס געזאגט אזוי, אז וואס דער רמב"ם זאגט אז ס'איז מותר, זאגט ער צוויי תנאים, אבער ס'איז נישט צוויי תנאים שווים. די קאטעגאריע פון די זאך איז דבר שאינו מתכוין. נאר ער זאגט דא אז ס'קען זיין א זאך וואס ס'איז מתכוין פאר איין זאך, אבער דאס הייסט אויך מתכוין. ווען איינער שניידט אפ די קאפ צו שפילן, האט ער געטון דא צוויי זאכן: ער האט געשחט'ן א טשיקן, און ער האט געגעבן פאר זיין קינד עפעס צו שפילן, ווייל די צוויי זאכן זענען נאנט קאנעקטעד. אבער א זאך וואס ביי קאטעגאריע, שלעפן א שטוב-זאך, א חפץ פון שטוב, איז נישט די קאטעגאריע פון עפעס וואס מאכט אייביג א לאך. דאס הייסט, למשל, אויב איינער שלעפט עפעס אן אנדערע מין זאך, נישט פון די דריי וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט, נישט א כיסא, נאר עפעס וואס איז דראמאטיש אייביג אסאך שווערער, ווען איינער שלעפט א שטיקל פון א בנין, וואס דאס איז א מין קאטעגאריע פון א זאך וואס מאכט א לאך.

דער רמב"ם ברענגט נישט די פרטים, און לפי דעתי איז דאס נישט נוגע די שאלה פון הלכה למעשה. אפשר וועלן מיר זען שפעטער אין די הלכות, נאך אסאך די גמרא איז מער פראקטיש, אבער ס'איז געמאכט מ'זאל פארשטיין די קאטעגאריע, צו דן זיין יעדע מאל. דאס איז דאך די טייטש חרישה. חרישה טייטש אז דער רב קוקט אויף די ספעציפישע פאל, אדער מ'פרעגט, מ'ווייסט שוין דא א כלל, די רבנים האבן שוין געזאגט, און מ'איז דן לויט דעם, אבער מיר ווייסן די כללים.

**מחלוקת רבי יהודה ורבי שמעון**

זאל איך דיר פארציילן די סיקרעט? די סוגיא איז א מחלוקת אין די גמרא צווישן רבי יהודה און רבי שמעון. דאס הייסט דבר שאינו מתכוין. רבי יהודה זאגט אז ס'איז חייב, און רבי שמעון איז פוטר'ט.

**הלכה ז — מלאכה שאינה צריכה לגופה**

יעצט גייט דער רמב"ם ברענגען נאך א ענין פון כוונה, וואס ווערט אנגערופן מלאכה שאינה צריכה לגופה. זאגט דער רמב"ם אזוי: **כל העושה מלאכה בשבת...** אפילו ער דארף נישט די גוף המלאכה, מיר וועלן שוין באלד זען וואס ער איז מסביר וואס דאס מיינט, **חייב עליו**, ער דארף נישט די גוף המלאכה. כיצד?

**דוגמא: כיבוי הנר**

**הרי שכיבה את הנר, שאינו צריך לשמן**, איינער וואס לעשט אויס, ס'איז דא צוויי מיני וועגן פארוואס מענטשן לעשן אויס א לעכט. די ערשטע פאל פארוואס א מענטש לעשט אויס א לעכט איז ווייל ער וויל נאך האבן די אויל פאר מארגן, **כדי שלא יאבד**, ס'זאל נישט ווערן פארלוירן.

## הלכות שבת — מלאכה שאינה צריכה לגופה ומלאכת מחשבת

**הלכה ז — מלאכה שאינה צריכה לגופה**

זאגט דער רמב"ם אזוי: **כל העושה מלאכה בשבת, אף על פי שאינו צריך לגוף המלאכה — חייב עליה.** איינער טוט א מלאכה בשבת, אפילו ער דארף נישט די גוף המלאכה — מיר גייען שוין באלד זען וואס ער איז מסביר וואס דאס מיינט — חייב עליה, ער דארף נישט די גוף המלאכה.

**כיצד? הרי המכבה את הנר מפני שהוא צריך לשמן,** איינער וואס לעשט אויס, ס'איז דא צוויי מיני וועגן פארוואס מענטשן לעשן אויס א לעכט. דער ערשטער פאל פארוואס א מענטש לעשט אויס א לעכט איז ווייל ער וויל נאך האבן די שמן, די אויל, פאר מארגן, **כדי שלא יאבד,** זאל נישט ווערן איבער די שמן, ער דארף עס האבן. **או כדי שלא יתעשן הבית, או כדי שלא ישרף חוט של נייר,** ער וויל נישט אז די לאמפ דערפון זאל ווערן פארברענט, דער וויק.

**הסבר: וואס איז די נארמאלע כיבוי?**

סאו לאמיר פארשטיין קלאר, די כיבוי איז אביסל פאני ווייל אונז האבן נישט די קלארע אינטואישאן וואס איז די נארמאלע כיבוי. א נארמאלע כיבוי איז נישט אז איינער וויל חוס על השמן, ער וויל סעיוון שמן. א נארמאלע כיבוי איז ווען איך דארף די כיבוי. פארוואס דארף איך א כיבוי? ער מאכט א גחלת, יא, דאס איז די דוגמא פון די גמרא. איך האב געמיינט אז דער רמב"ם גייט אזוי ווי פריער גייט ער ברענגען צוויי דוגמאות, ער ברענגט נאר די דוגמא וואס הייסט מלאכה שאינה צריכה לגופה און ער איז חייב.

איך וועל דיר זאגן אזוי, געוועונליך די איסור פון כיבוי איז ווען ער דארף די כיבוי. למשל, א מענטש וויל מאכן א גחלת. א גחלת איז, ער דארף האבן א גחלת, ס'צינדט זיך גרינג אן, א קויל. סאו וואס טוט א מענטש? ער לעשט אויס א שטיקל האלץ, ווייל ער וויל מיט די אופן פון אויסלעשן מאכן א קויל. מה שאין כן איינער לעשט עפעס אויס אז ס'זאל נישט מאכן א שריפה, ווען ס'וואלט געווען אן אנדערע וועג פון סטאפן די שריפה, ער זוכט נישט די אויסלעשן. אויסלעשן איז א מין זאך וואס באשאפט עפעס, ס'באשאפט א גחלת. דא זוכט ער נישט צו באשאפן א גחלת, אבער ער וויל נאר אז ס'זאל זיין אויסגעלאשן. אבער ס'הייסט אבער אויך כיבוי, ווייל הואיל ואין לו שום דרך אחרת צו... ס'איז נישטא קיין אנדערע וועג.

**חזרה אין דברי הרמב"ם**

אקעי, זאגט ער אזוי, זאגט דער רמב"ם, לאמיר לערנען אינעווייניג צוריק אין רמב"ם. דאס איז טייטש מלאכה שאינה צריכה לגופה, איך דארף נישט די גוף המלאכה, איך דארף נישט די זאך וואס הייסט די מלאכה. כיבוי איז טייטש איך דארף נישט אויסלעשן, איך דארף... איך לעש אויס ווייל איך דארף האבן די שמן זאל בלייבן, אדער אזוי. אסאך סתירות, למשל... אקעי, לאמיר דיר ענטפערן די גמרא. די גמרא זאגט ער האט נישט אויסגעלאשן א לעכט נישט וועגן צו מאכן א גחלת, נאר איינער צורך לגופו, נאר פשוט ווייל ער וויל אפירן די שמן, אדער ער וויל נישט מ'זאל מאכן א פייער. וואס איז די טייטש נישט מאכן א פייער? ער האט מורא מ'זאל נישט מאכן א פייער. דאס איז נישט צורך, אבער לאמיר זאגן אז די לעכט זאל נישט פארברענען די גאנצע... די אמת איז אז מ'לעשט אויס סתם א פייער זאל נישט פארברענען, דאס איז א זאך וואס מ'וועט רעדן שפעטער וועגן ספק.

זאגט ער, מנא הני מילי? איז ער חייב. מנא הני מילי? כיבוי מלאכה, אויסלעשן איז א מלאכה, אבער איינער איז חייב ליכמות, ער האט עפעס אן אנדערע זאך געהאט אויסצולעשן. אבער ביז איינער צורך לגופו כיבוי, אפילו ער וויל נישט די עצם מעשה כיבוי אזויווי די אנדערע פאל וואס איז בדרך כלל די מער כיבוי, ולא כיבוי אלא פאר אן אנדערע סיבה, בני חורין ובני מלכים הרי זה חייב.

**דוגמא פון שחיטה**

לאמיר ברענגען נאך איין דוגמא פשוט פאר א קלארקייט. למשל ווען איינער שעכט, ווען ער שעכט וויל ער עס אלס שעכטן, ווייל די מעשה שחיטה מכשיר די בהמה. ווען ער שניידט אראפ א ראש עוף ביי דבר שאינו מתכוין, איז אויך די מלאכה שחיטה. למשל, זאל זיין נאך א דוגמא, ער שניידט אראפ ווייל ער וויל האבן די... וואטעווער, ווייל ער דארף עפעס האבן. ער דארף האבן א זייטיגע רעזולטאט, אבער דאס איז די אופן.

**דער חילוק צווישן מלאכה שאינה צריכה לגופה און דבר שאינו מתכוין**

דאס איז אבער... דאס דארף מען זיין קלאר, מלאכה שאינה צריכה לגופה האט זייער ווייניג צוטון מיט דבר שאינו מתכוין. דבר שאינו מתכוין טייטש איך מיין איין זאך און ס'געשעט א צווייטע זאך. מלאכה שאינה צריכה לגופה איז טייטש איך טו איין זאך און ס'געשעט די איין זאך. ס'איז נישט דא קיין צוויי זאכן דא. ס'איז א חילוק, איך דארף נישט די גוף פעולת המלאכה, איך דארף די מלאכה פאר אן אנדערע ריזאן, נישט פאר די ריזאן וואס מ'נוצט געוועונליך די מלאכה, און איך דארף די מלאכה פאר אן אנדערע ריזאן. א מלאכה איז אן אויטאמאטישע זאך וואס האט א רעזולטאט. קענסט האבן די ריכטיגע רעזולטאט, די סטענדערד רעזולטאט. די סטענדערד רעזולטאט פון מלאכת כיבוי איז אן הותר פלושן הפחם. די נישט סטענדערד רעזולטאט איז נישט כדי להציל את השמן. דאס איז נישט די טייטש כיבוי. פארוואס אזוי?

ווייל דו האסט פארשטאנען אז דאס איז טייטש כיבוי. וואס קען זאגן אז דאס איז א סארט כיבוי? דאס איז טייטש מלאכת מחשבת, נישט טייטש דאס. און איך דארף דאס פאר אן אנדערע רעזולטאט, אבער ס'איז נישט אן אנדערע פעולה.

שלא צריך לגופו איז אלעמאל ווען ס'איז דא צוויי מלאכות, איך טו איין זאך נישט קיין מלאכה, אבער צוויי אנדערע זאכן, צוויי פעולות. איך טו שלעפן א באנק, און ס'איז דא א מלאכת חורש. איך בין נישט עוסק אין חורש. מלאכה שאינה צריכה לגופה איז איבער איינער איז עוסק אין חורש, אבער ער דארף נישט די לאך, ער דארף האבן די... די... רוקן די זאמד. דאס איז די נעקסטע זאך וואס מיר גייען אויך ברענגען נאך אביסל קלארער.

**דוגמא פון המעביר את הקוץ**

**וכן, המעביר את הקוץ ארבע אמות ברשות הרבים.** געוועגליך איז דא א איסור, איינע פון די ל"ט מלאכות איז צו טראגן א זאך ארבע אמות ברשות הרבים. איז געוועגליך טראגט ער עפעס ברשות הרבים ווייל ער וויל... ער האט הנאה דערפון, ער וויל עס טראגן אין רשות הרבים. א מענטש זעט א קוץ אין רשות הרבים, ער וויל עס אוועקלייגן די זאך כדי מענטשן זאלן נישט ווערן נכשל דערויף. ממילא, ער מיינט עס אוועקצונעמען, ער מיינט נישט צו טראגן אין רשות הרבים. אבער דאס הייסט די מלאכה פון טראגן אין רשות הרבים. סיי סיי וועלכע זאך טראגן, מ'האט נישט געמאכט אין דעם א חילוק. ממילא איז ער יא חייב.

אוי, ער טראגט נישט אין רשות הרבים. ער טראגט נישט. איך דארף אז די זאך זאל זיין אין די צווייטע פלאץ. איך ברענג עס פון דא צו דארט. דא ברענג איך עס נישט פון דא צו דארט, איך נעם עס אוועק. אוועקנעמען איז נישט טייטש טראגן, דאס איז טייטש אוועקנעמען. איך בין עוסק דא אין הסרת נזק, איך בין עוסק אין רוקן זאכן. אבער דאך, ער איז חייב. פארוואס איז ער חייב? ווייל דאס הייסט אז ער האט געטאן די זעלבע מלאכה פאר אן אנדערע כוונה. די כוונה איז ענין אחר. דאס, לויט'ן רמב"ם'ס פסק, איז מלאכה שאינה צריכה לגופה, איז ער חייב.

אוי, א מחבר זאגט א חידוש פון די זעלבע סוגיא, **כדי שלא יזוקו בה רבים.** איז דא א גרויסע חילוק אין די פוסקים צו מענטשן קענען נזק ווערן דערפון. ער לערנט עס נישט לשם שמים ווייל ער וויל האבן די גרויסע חילוק, נאר ער לערנט עס לשם שמים כדי ער זאל נישט נכשל ווערן דעריין. איז ער אויך חייב, ווייל דאס איז אפילו ס'איז איינער צריכה לגופה, א מלאכה איז מען חייב ווייל מ'האט געטאן די מעשה מלאכה.

**רב מלאכה שאינה צריכה לגופה כי הוא לגופה עברה אלא להרחקת הנזק, הרי זה חייב, וכן כל כיוצא בזה.** יא. דאס איז די מלאכה שאינה צריכה לגופה.

**מחלוקת רבי יהודה ורבי שמעון — פסק הרמב"ם, הראב"ד והשולחן ערוך**

איז אויך די זעלבע מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי שמעון, און די רמב"ם פסק'נט לגבי דבר שאינו מתכוין אזוי ווי רבי שמעון אז ס'איז פטור, און ביי מלאכה שאינה צריכה לגופה פסק'נט ער אזוי ווי רבי יהודה אז ס'איז חייב. און דא קומט אריין אנדערע מחלוקת'ן, אנדערע ראשונים. די ראב"ד לערנט אז אויך מלאכה... נו? דער ראב"ד ברענגט די פוסקים וואס זאגן אז אויך מלאכה שאינה צריכה לגופה איז פטור? יא, דער ראב"ד, און אזוי רוב אנדערע פוסקים, דער שולחן ערוך פסק'נט אז לרבי שמעון אין ביידע פלעצער לקולא, אז מלאכה שאינה צריכה לגופה איז אויך פטור. ס'קומט אויס פון זייערע הלכות א גרויסע חומרא לויט דער רמב"ם, אז מלאכה שאינה צריכה לגופה איז חייב, סארי, אבער לויט דער ראב"ד, און אזוי אויך דער שולחן ערוך, און רוב פוסקים, פסק'ענען אז מלאכה שאינה צריכה לגופה איז פטור.

אויך די פריערדיגע הלכה פון פסיק רישא איז דא אויף דעם א מחלוקת, און לויט אנדערע פוסקים איז אסאך גרינגער, ווייל ס'איז דא א שיטה פון דער ערוך אז פסיק רישא איז אויך נישט אייביג חייב, נאר ווען ער האט עפעס הנאה דערפון, אבער ס'איז דא א זאך ווי פסיק רישא דלא איכפת ליה אדער ער האט נישט הנאה דערפון. קיצור, אין די ביידע הלכות זענען דא אנדערע שיטות ראשונים וואס זענען מער מיקל, סיי לגבי פסיק רישא און סיי לגבי די הלכה פון מלאכה שאינה צריכה לגופה.

---

**הלכה ח — מלאכת מחשבת: נתכוין למלאכה אחת ונעשית מלאכה אחרת**

אקעי, לאמיר פארשטיין על כל פנים די כלל הדברים. יעצט גייען מיר לערנען א נייע סארט התכוונות, נישט נאר מתכוין לדבר שאינו מתכוין, נאר מער, דער רמב"ם רופט דאס, מ'רופט דאס אין גמרא "מלאכת מחשבת", אז ער האט נישט געוואלט טון די זאך. ביידע זאכן זענען אפשר א מלאכה, אבער ער האט געמיינט עפעס אנדערש צו טון.

יא, **כל המתכוין...** שוין, יעצט גייט דער רמב"ם אונז זאגן נאך זאכן וועגן כוונה. "מלאכת מחשבת" האט רבי יצחק געמאכט די קעפל, אזוי שטייט אין גמרא, ס'איז דא מלאכת מחשבת אסרה תורה. א מלאכה וואס קומט מיט מחשבה. איך וויל קלאר מאכן אז דא גייט מען נישט רעדן אז ער האט געמיינט צו טון איין זאך און ס'איז געשען מיט דעם א צווייטע זאך. דא רעדט מען אין די זעלבע מעשה, אז ער האט געהאט א פלאן — דא רעדט מען פון זיין פלאן — ער האט געפלאנט צו טון אויף איין וועג און ס'איז געשען אויף אן אנדערע וועג. ביידע זענען מלאכות אדער ביידע נישט, וועט מען זען, אבער ס'איז אן אנדערע סארט קאטעגאריע. ס'איז נישט געשען דעם מענטש'ס כוונה. א מענטש האט געטון עפעס און ס'האט געפלאפט, ס'איז נישט געשען וואס ער האט געטרייט צו טון.

איז אזוי, **כל המתכוין לעשות מלאכה, ונעשית לו מלאכה אחרת שלא נתכוין לה** — ס'איז געשען אינגאנצן עפעס אנדערש וואס ער האט נישט אין זינען געהאט, און דער רמב"ם גייט שוין מסביר זיין די גמרא — **פטור עליה,** איז ער פטור, **והגם** די צווייטע זאך וואס ער האט געטון איז אויך א מלאכה, **שלא נעשית מחשבתו,** ווייל זיין פלאן איז נישט געשען.

**דוגמא: זרק אבן**

הייסט דאס, ער איז מסביר, **זרק אבן או חץ בחברו או בבהמתו כדי להרגם,** ער מיינט אז ער שיסט יעצט אפשר א כלי זיין אנטקעגן א מענטש אדער א בהמה. למעשה, די אבן או חץ איז געגאנגען און געטון אינגאנצן עפעס אן אנדערע זאך, **והלך וקרע אילן בהליכתו ולא הרג.** אנשטאט הרג'ענען, איז נישט געווען קיין כלי משחית פאר מענטשן, ס'איז געווען אז ער האט געטון עפעס אין רייסן א בוים. סאו די גיין פון איסור הרג'ענען צו איסור פון קוצר, איז **הרי זה פטור,** ווייל זיין זאך איז נישט געשען, וואס ער האט אינזין געהאט איז נישט געשען, ס'איז געשען אינגאנצן עפעס אנדערש.

**קל וחומר: נתכוין לאיסור קל ונעשה איסור חמור**

**קל וחומר,** דאס איז ווען ביידע זענען אן אב מלאכה, ביידע זענען די זעלבע חומר. זאגט ער, כל שכן אז מ'איז פטור ווען **נתכוין לאיסור קל ונעשה איסור חמור,** ווען דער מענטש האט אינזין געהאט אן איסור קל און ס'איז געשען אן איסור חמור. **כגון שנתכוין לזרוק בכרמלית,** א מענטש האט אינזין געהאט צו ווארפן עפעס אז ס'זאל פאלן אין די כרמלית, א מענטש שטייט אין די כרמלית און ער ווארפט, און דעמאלטס וואלט ער נאר געווען אן איסור דרבנן, **ועברה לרשות הרבים,** למעשה איז עס געפאלן נישט ווי ער האט אינזין געהאט, ס'איז אריינגעפאלן אין רשות הרבים, **שהוא פטור.**

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל ס'איז נישט אן אנדערע מין זאך, ס'איז געפאלן אביסל אן אנדערע פלאץ, אבער ס'איז אן אנדערע קאטעגאריע. ס'איז טאקע וואס ער האט אינזין געהאט ס'זאל פאלן דא, און ס'איז געפאלן אינגאנצן אן אנדערע פלאץ. די ווארט "אינזין געהאט" מאכט מיך נערוועז, ער האט נישט געפלאנט, ער האט געוואלט ס'זאל אנקומען דער שטיין אין א כרמלית, ס'איז אנגעקומען ערגעץ אנדערש, ער האט נישט גארנישט פון דעם, כביכול ער האט נישט דאס געוואלט טון, ער האט נישט דאס געמיינט צו טון. יענער מענטש איז נישט העפי, כביכול ער זאגט, "מיין שטיין איז נישט אנגעקומען ווי איך האב געוואלט".

**וכן כל כיוצא בזה.**

**נתכוין לדבר המותר ונעשית מלאכה**

ווייטער, **נתכוין לעשות דבר המותר ונעשית מלאכה**, נאך א מין פאל פון ווען ער איז פטור. נתכוין לעשות דבר המותר ונעשית מלאכה, ער האט אינזין געהאט צו טון א זאך וואס איז אינגאנצן מותר, ונעשית מלאכה. **כגון שנתכוין לחתוך**, ער האט געווארפן א מעסער אדער וואס, און ער האט אינזין געהאט צו שניידן עפעס וואס איז מותר צו שניידן, א תלוש, מ'קען נישט שניידן א זאך וואס איז מחובר, אבער א זאך וואס איז שוין אפגעשניטן פון זיין כח החיים מעג מען שניידן. **בטעות ובטוח חותך את המחבר**, האט ער יא עובד געווען לכאורה אויף קוצר, אבער איינער חיים קליין וואלט נישט א זון געהאט בכלל, לכן **כל כאי יוצא בזה.**

דא גייען מיר זאגן נאך א סברא אין קיין, אסאך א שוואכערע, און לא נתכוון. ס'איז א סברא, און די איז שוין אפגעשטעלט געווארן.

**הלכות מלאכת מחשבת — דינים פון "לא נתכוון" און סדר המלאכה**

**הלכה ט: נתכוון ללקוט תאנים שחורות ולקט לבנות — פארקערטע סדר**

## Speaker 1:

ואין אסור מלאכה כגון שנתכוין לחתוך, ער האט געווארפן א מעסער אדער וואס, און ער האט זיך געזארגט צו שניידן עפעס וואס מען מעג שניידן. התלוש, מען טאר נאר נישט אויפשניידן זאכן פון וואו ס'איז מחובר, אבער א זאך וואס איז שוין אפגעשניטן פון די... פון איר כח החיים מעג מען שניידן. בטעות ותחב לו במחובר, האט ער יא עובר געווען לכאורה אויף קוצר, אבער אן איסור קצירה האט ער נישט געזארגט בכלל, וכן כל כיוצא בזה.

דא גייט ער אריין זאגן זאכן וואס איז אפילו א סאך א שוואכערע לא נתכוון. סא לאמיר זען. **נתכוין ללקוט תאנים שחורות**, זיין ציל איז געווען צו אראפשניידן געוויסע תאנים, די שווארצע וואונס, **ולבסוף למעשה** איז זיין מלאכה נישט געלונגען **און ער האט געלקט לבנות.** אדער איז ער שוין **נתכוין ללקוט ענבים ואחר כך תאנים**, ער האט געוואלט קלויבן ענבים ואחר כך תאנים, און ס'איז געשען פארקערט, **ולקט תאנים תחלה ואחר כך ענבים, פטור.**

**אפילו שילקט כל שחשב**, אפילו למעשה האט ער געטון, ביי די ענד או די דעי איז געטון געווארן וואס ער האט געוואלט, ווייל ער האט געוואלט אז ס'זאל ווערן אפגעשניטן ביידע, די שחורות און די לבנות, ער האט נאר נישט געטון אין די סדר ווי ער האט געוואלט, **הרי לא ליקט כסדר שחשב, פטור, שלא אסרה תורה אלא מלאכת מחשבת.** די תורה האט נאר גע'אסר'ט מלאכת מחשבת.

**דיון: וויאזוי צו פארשטיין דעם פאל פון פארקערטע סדר**

## Speaker 2:

דו ווייסט מיר דארפן א פאל וואס דאס מיינט נתכוין? איך וואלט געטראכט אז... אה, ניין. איך האב געטראכט אז מ'קען דאס מסביר זיין פשוט, לאמיר עס צעטיילן אויף צוויי מעשים. יעצט, איך האב געהאט א פלאן צו קלויבן שחורות און לבנות. איך גלייב נישט אז תאנים זענען שווארץ און ווייס, ס'מיינט לכאורה דארק און לייט.

שחורות טייטש דארק, מער טונקעלער, אבער נישט שווארץ. תאנים זענען גרין אדער ברוין, איך ווייס וועלכע קאלער, נישט שווארץ. באט עניוועיס, איך וויל יעצט ארויסרייסן דעם תאנה, איך האב בטעות ארויסגעריסן יענע תאנה. דאס איז געהעריג די פריערדיגע הלכה וואס מיר האבן געזאגט אז ס'איז פטור, ווייל איך האב נישט געמיינט דעם. גראדע שפעטער האב איך געהאט נאך א פלאן, די נעקסטע מינוט האב איך געוואלט די אנדערע, און איך האב געוואלט דעם. באט ביידע, אויב דו רעכנסט יעדע ספעציפישע קעיס עקסטער, איז ביידע מאל לא נתכוין לשחיטה. גראדע האב איך געהאט א גרעסערע פלאן אז ביידע זאלן זיך קלויבן. אבער וואס גייט מיך אן די גרעסערע פלאן?

איך וויל פארשטיין וואס מיינט עס? ער האט זיך נישט געכאפט וואס ער טוט? "אוי, איך האב געטון די ראנג זאך"? האסט עס געטון! האסט געוואלט אראפשניידן די גרינע, האסטו אראפגעשניטן די גרינע. דו ביסט געווען דיסטרעקטעד?

## Speaker 1:

ס'מיינט אזוי ווי פריער, ער האט געווארפן א מעסער און ס'האט נישט געלאנגט. ער האט געווארפן א מעסער, ער האט געוואלט שניידן ענבים, אבער אויב ער שטייט און שניידט אראפ, וואס טוסטו? יעצט שניידט ער אראפ ענבים, "אוי, ס'איז גרינע, ס'איז מחלל שבת". ניין, ווארט, ס'איז נישט בכוונה געווען. ס'איז יא בכוונה געווען. אה, דו ביסט געווען דיסטרעקטעד? "אה, עכט האב איך געוואלט, די פלאן איז געווען, איך האב געשריבן אויף מיין פנקס וואס איך גיי טון, אנדערע סדר." זיין פלאן איז זיין פנקס?

## Speaker 2:

קען מעגליך זיין, יעדע מאל ווען מ'רעדט פון א מלאכה, יעדע מלאכה בשוגג האט ער נישט געוואלט. דער שוגג קומט נישט דא אריין.

## Speaker 1:

ניין, ס'איז, דו ביסט גערעכט, אז מסתמא דארף עס זיין אז ער האט ארויסגעשטעקט זיין האנט און ער האט נישט באמערקט אז ער האט געכאפט די ראנג וואן. ס'מוז זיין עפעס אזא מין זאך, ער האט געווארפן א מעסער, אדער ער האט ארויסגעשניידט זיין האנט ווען ער האט נישט געזען. ווייל אויב, קענסט זאגן יעדע מלאכה וואס א מענטש שניידט שבת און ס'איז א שוגג, אז ער האט אויך געמאכט א מלאכה שלא כסדרן. ווייל איך האב געוואלט שניידן זונטאג, און איך האב עס געשניטן שבת. איך האב געוואלט שניידן די גרינע, און איך האב געגומען די רויטע אין מיין האנט. ער איז געשטאנען דארט און ער האט געשניטן. וואס הייסט נישט האבן כוונה? נישט האבן כוונה קען נאר מיינען ווען ער ווארפט און ס'איז נישט געלונגען. ער ווארפט א מעסער צו שניידן, ער ווארפט עס צו די זאך, אבער די מעסער איז נישט אזוי גוט געלונגען.

אבער אז איינער שטייט און רייסט אראפ טרויבן, און נאכדעם אין זיין האנט באמערקט ער, "אה, ס'איז די גרינע טרויבן, מיין כוונה איז קודם געווען צו שניידן די רויטע און נאכדעם די גרינע." מיט וואס איז דא דיין כוונה נישט געשען? איך האב געוואלט ביידע אראפשניידן, און ביידע איז אראפגעשניטן.

## Speaker 2:

ווייט, ווייט, דאס זענען צוויי דיפרענט קוועסטשענס. זיי מאכן וועלכע קודם, אדער וואס צו קודם ביידע. איך האב געזאגט, ווען ער ווארפט עפעס און ס'איז נישט געלונגען, קענסטו זאגן אז די מלאכה איז נישט געלונגען. אבער ווען א מענטש שטייט און שניידט פרוכט, ער האט אראפגעשניטן אן עפל, "אה, איך האב געוואלט אראפשניידן די גרינע קודם, כוונתי היתה שאני אקטוף את הירוק, אלא שרציתי לקטוף את האדום", און ס'איז נישט געלונגען לויט זיין זייגער. ס'איז זייער א ווירד הלכה, ס'מאכט נישט קיין סענס. ווייל איך זאג, לכאורה די אלע רעדן פון עפעס ענליך צו דארטן, אזוי ווי ווארפן, איך ווארף א מעסער צו שניידן. ס'איז א גרויסע חידוש.

## Speaker 1:

אני ואני מסכים. איך מיין אז, ניין, לאמיר נישט זאגן אזוי. איך מיין אז קודם כל, אויב דו פרעגסט די קשיא אז די סדר איז נישט מעכב, ווייל איך בין מסביר אז לויט מיין מהלך וויאזוי דער סדר איז יא מכה, ווייל יעדע מאל האט ער נישט געמיינט דאס. דאס זעט מיר אויס דער גראדער וועג פון טראכטן פון דעם. אויב דו פרעגסט אן אנדערע קשיא, אויב דו פארשטייסט נישט בכלל וואס איז די טייטש "נתכוון לחתוך תאנים שחורות", וואס האט ער געטון מיט זיין האנט? דעמאלטס דארף מען פראקטיש פארשטיין, אויב דו זאגסט אז מ'מוז אים ווארפן, ער זעט נישט. איך האב ארויסגעשטעקט מיין האנט, איך גיי אין פרידזש, איך מיין ארויסצונעמען די מילך, בטעות האב איך ארויסגענומען די קעז. לא נעשית מחשבתו. ס'מאכט זיך אז מענטשן, ער האט געהאט א כוונה, א פלאן, ער האט געוואלט עפעס טון,

ס'איז אים נישט געשען, ער האט ביידע געטון. אבער ס'הייסט נישט מיט זיין כוונה, ער איז נישט קיין שוגג, ער איז א לא נתכוון, לא נעשית מחשבתו. איך דארף טראכטן די פאל פון עפעס וואס ער האט נישט פול קאנטראל אין זיין האנט, עפעס מוז צוקומען אזא סארט זאך.

## Speaker 2:

איך בין נישט מסכים. אז איינער שניידט טרויבן, שניידט ער טרויבן. וואס טוט ער יעצט, דער איד? ער שטייט אויף א בוים און ער שניידט טרויבן, און דאס איז דער איסור פון קוצר. אה, האט ער געוואלט זיי זאלן זיין גרין. דיינע טרויבן זענען נישט געווען גרין, ביסטו טאף לאק. איך האב אים געזאגט, דער רמב"ם האט אונז געגעבן א זייער א ווירד דוגמא, און ס'פעלט נאך עפעס א פאל פון די דוגמא.

## Speaker 1:

איך בין נישט מסכים, ווייל די, אגעין, דו, יו קיפ אן דזשאמפינג ביטווין טו דיפערענט קוועסטשענס. אויב דו פארשטייסט וויאזוי ס'איז פראקטיש, איך פארשטיי זייער גוט. אסאך מאל גיי איך צו די פרידזש, איך האב געמיינט ארויסצונעמען וואסער, בטעות האב איך ארויסגענומען סעלצער. איך האב נישט געטראכט, ס'איז ארויסגעפאלן פון די סענטער. ס'איז לא נעשית מחשבתו, איך האב נישט געמאכט קיין מלאכה. דאס איז פון וואס ער רעדט.

יעצט פרעגסטו, אויב דו פארשטייסט... איך ווייס נישט צו ער וואלט געהייסן ער האט דאס געטון אויב די מעשה איז געווען דיסטרעקטעד, ספעציעל אז ער האט געוואלט ביידע די סעלצער. ניין, פארגעס פון די... אגעין, יו קיפ אן דזשאמפינג בעק צו די אנדערע קשיא אז איך האב געוואלט ביידע. יעצט, די מינוט, האב איך נישט געוואלט ביידע. איך האב געוואלט יענע תאנה, נישט יענע. א גוטן טאג. און יעצט האב איך גענומען די ראנג וואן, האב איך געמאכט א טעות. וויאזוי איז געשען די טעות? איך בין געווען דיסטרעקטעד, ס'איז געווען שווער צו טרעפן, איך האב עס געדארפט אריינשטעקן מיין האנט, איך האב נישט געקענט זען. דאס איז זיכער די גדרים וואס ס'איז געשען די טעות. לא נעשית מחשבתו.

אויב דו ווילסט פרעגן אן אנדערע קשיא, אז דיר קוקט אויס אז ביידע סארט תאנים זענען די זעלבע, אדער ביידע סארט ענבים מיט איינס זענען די זעלבע, דאס איז אן אנדערע פראבלעם. יעצט איז נישט אזא גרויסע פראבלעם, מען קען זאגן טעקניקלי יעדע מאל, און איך האב אים געזאגט, אויב א מענטש האט א כוונה כללית, איז דאך די גערעכטע הלכה זאל זיין חייב. אויב ער האט א ספעציפישע כוונה, ער דארף פארט זיין רעסיפי די שווארצע, דעמאלטס איז עס אנדערש. יא. שוין.

**הלכה י: נתכוון לקטוף תאנה זו וקטף תאנה אחרת — די זעלבע סארט**

## Speaker 1:

ברענגט די רמב"ם נאך דוגמאות. **היו לפניו שתי נרות דולקות או כבות.** רייט. די צווייטע דוגמא איז אויך לויט נתן מלאכתו, לויט נתן כוונתו. לאמיר זען. ער האט געהאט צוויי נרות דולקות או כבות, **ונתכוין לכבות זו וכבה זו, או להדליק זו והדליק זו,** דעמאלטס איז ער יא חייב, **שהרי נעשית מלאכה שחשב לעשותה.** הייסט ער האט נישט געהאט א ספעציפיק כוונה וועלכע ער אויסצולעשן. ער האט גראדע געפלאנט אויסצולעשן די לעכט, אבער ס'איז נישטא קיין חילוק פון די צוויי לעכט. דעמאלטס... ס'איז נישטא קיין שחורות אדער ירוקות, דאס איז די ווארט. יא. וואלט ער געמוזט פארן עקזועקטלי די שטייניג.

רבינו זאגט, **נתכוין לקטוף תאנה זו וקטף תאנה אחרת, או שנתכוין להרוג זה והרג זה, הרי נעשית מלאכה שחשב לעשותה.** איז דא איז דא מער אזא איידעלע חילוק. אויב ער האט געמיינט, ס'איז דא א חילוק פון די צוויי תאנים, דעמאלטס איז ער פטור. אויב ס'איז נישטא קיין חילוק, ער האט געמיינט נעמען די תאנה, ער האט גענומען די אנדערע תאנה, ער האט געמיינט צו טון א מלאכת קצירת תאנים, איז געשען די מלאכת קצירת תאנים. נאר ווען ס'איז דא צוויי סארט תאנים, האט ער נישט געמיינט בכלל די תאנה, ער האט געמיינט א מלאכת קצירת תאנים שחורות, א גאנץ די זעלבע מלאכה, אבער ס'איז אן אנדערע גיפט, אן אנדערע סארט תאנה.

**דיון: וואס מאכט א "חילוק" צווישן צוויי זאכן?**

## Speaker 2:

אויב דו האסט צוויי נרות, איינס איז א טראפ גרעסער און איינס איז א טראפ קלענער, וועסטו אויך זאגן פטור? מ'דארף פארשטיין וואס די רמב"ם וויל מאכן עקסטערע קאטעגאריעס. די שאלה איז וואס מאכט זאכן פאר א קאטעגאריע. אויב ס'איז צוויי קאמפעניס, אדער אויב ס'איז איינס איז די רעכטע זייט און איינס איז די לינקע זייט. די רמב"ם גייט נישט אין אזא כלל וואס איז די חילוק.

און ווי איך בין מסופק איז די תאנים שחורות ולבנות, ס'איז פשט אז די תאנים שחורות זענען מער אזוי ווי די תאנה זו וקטף תאנה אחרת?

## Speaker 1:

ניין, ס'זעט אויס ווי די רמב"ם זאגט עפעס, אז ס'איז דא זאכן וואס ביידע זענען די זעלבע, ס'איז קאפי פעיסט, און ס'איז דא זאכן וואס זענען יוניק, למשל, ס'האט אן אנדערע קאליר.

## Speaker 2:

וואס איז די פראבלעם? זיי זאגן, צוויי עפלעך זענען נישט די זעלבע, ווייל זיי קומען נישט ארויס פון א קאמפעני, זיי קומען פון א בוים, און ווען די בוים געבט ארויס זאכן איז יעדע איינס א טראפ אנדערש. און ווען די קאמפעני געבט ארויס נרות, וואס איז די גדר? יעדע צוויי נרות זענען צוויי אנדערע נרות. די פייערלע פון טאנצט א טראפ אנדערש, דו ווייסט אויף וויאזוי עס קומט אריין די לופט. איז דא א חילוק, צווישן יעדע צוויי זאכן איז דא א חילוק. דארף מען שטיין דערין און מען זאגט אונז עפעס דא.

## Speaker 1:

די חילוק איז טייטש, דו ביסט נישט משמעות'דיג מיט די חילוק. דו האסט אלעמאל אזוי ווי די צווייטע קעיס. איך הער, אבער דו זעסט דא א חילוק. שחורות און לבנות איז אנדערש. צוויי קיינים איז צוויי די זעלבע טייערן, ס'איז נישט קיין חילוק. ס'קען זיין שחורות און לבנות איז טאקע מער געציילט און ווייניגער געציילט, איז ווען מען נוצט זיי, איינס גייט מען אריינלייגן אין א טאפ, איינס גייט מען עסן און איינס גייט מען אוועקלייגן אין אוצר. ס'איז צוויי אנדערע מיני זאכן. ס'מוז עפעס זיין אן עכטע עכטע חילוק וואס פארשטייט מיט די שלום.

## Speaker 2:

ניין, ס'קען אפילו זיין... אה, דער רמב"ם זאגט "נתכוון להרוג זה והרג זה", אויך האט עס זיין חילוק. ביי מענטשן, יא. ס'איז נישט קיין חילוק. איך וויל דאך הרג'ענען א מענטש. טאקע א מאדנע מעשה. איך ווייס נישט. דאס איז מיר שווער. לויט וואס איך פארשטיי איז טאקע שווער די צווייטע קעיס, די "נתכוון להרוג זה", ווייל צוויי מענטשן איז זיכער דא א חילוק. אדער אפשר ניין, אפשר למשל איך ווייס ער גייט אין עפעס א מלחמה, ס'איז נישט קיין חילוק וועלכע סאלדאט ער הרג'עט, איינער א סאלדאט. אפשר ווען ער האט טאקע נתכוון להרוג סתם א געוויסער מענטש... איך ווייס נישט, ס'איז טאקע פעלט אים סתם די איידעלע חילוק.

## Speaker 1:

דרך אגב, די גאנצע סוגיא איז נישט להלכה, ווייל ס'איז זיכער אז די אלע זענען פטור אבל אסור. ס'איז נאר נפקא מינה פאר א חיוב חטאת. די שולחן ערוך ברענגט בכלל נישט די אלע הלכות. ס'איז אביסל טעארעטיש די אלע הלכות.

## Speaker 2:

אקעי, אבער נאך א... נאך א דין. ווען ס'איז דא ביי רציחה איז אויך דא אין די גמרא אזא סארט די גמרא, ווען איך וואלט גע'הרג'עט אזא אזא אזא...

## Speaker 1:

אקעי, אבער דאס איז געווען דורך. אויך איז נאר לענין עונש. איך זאג, לענין עונש מעג מען מאכן די טעארעטישעס, נישט אזוי?

**הלכה יא: נתכוון להדליק ראשונה ולכבות שניה, ונהפך הדבר**

## :Speaker 1

**אברהם נתכוון להדליק ראשונה ולכבות שניה אחריה, ונהפך הדבר, וכבה ראשונה ואחר כך הדליק שניה אחריה, הרי זה פטור.** ער האט יא געהאט עפעס א חשבון. ער האט קודם געוואלט אויסלעשן די לעכט, ווייל ער וויל עס האבן פאר שפעטער. וואטעווער, ער האט א חשבון, און ס'איז געשען ממש נישט לויט זיין חשבון. **וכבה ראשונה ואחר כך הדליק שניה אחריה, הרי זה פטור.** ווייל דעמאלט איז עס געווען אנדערש. דעמאלט איז עס יא אזוי ווי שחורות און לבנות.

## :Speaker 2

דאס איז דאך א הלכה פון די סדר. מיר האבן געלערנט בפירוש ביי די תאנים, וואס אפילו פארקערט פון די סדר הייסט אויך "תולדת מחשבת".

**כיבה זו והדליק זו בנשימה אחת**

## :Speaker 1

**כיבה זו והדליק זו בנשימה אחת,** ער האט אויסגעלאשן און אנגעצינדן אין די זעלבע צייט, ער האט אנגעצינדן און אויסגעלאשן א ליכט. **אפילו לא היג די מהדלקה הרי לאו איכא רעותא, אלא עושה שניהם כאחד לפיכך חייב.**

ס'איז אן אינטערעסאנטע קעיס. ס'הייסט, ער האט געהאט א פלאן צו מאכן איינס פאר די צווייטע, ביזדערווייל האט ערביידע אויסגעלאשן בנשימה אחת.

**הלכות שבת: מתעסק, יתר על כוונתו, חסר מכוונתו, שנים שעשאוה**

**הלכה: מתעסק**

## :Speaker 1

דאס איז די זעלבע הלכה פון די סדרים. מען האט געלערנט בפירוש ביי די טענה, וואס אפילו ער איז פארקערט פון די סדר הייסט אויך תלונת מכשפה. כיבה זו והדליק זו בנשימה אחת, ער האט אויסגעלאשן און אנגעצינדן איינעם אין די זעלבע צייט האט ער אנגעצינדן און אויסגעלאשן א ריכט. אפיש לא היגדמה הדלוקה הרי לא איך ארויסא. אלעשר שניים כאחות דער אינטערעסאנטע קעיס. ער האט געהאט א פלאן צו מאכן איינס פאר די צווייטע, ביז די וועלט ביידע אויסגעלאשן בן נשמה אחת.

## :Speaker 2

קענסט זיי ממש אויף איינע לאזשענען א בלאז? ניין, אנגעצינדן.

## :Speaker 1

אה, סארי, כיבור זי. מען קען אמאל מיט א סכן צום ערשט. ער רעדט פון איינס מאכט א כיבור און איינס מאכט די הדלוקה נאכן די די קיבור, אבער אויף איין מאל הייסט יוצא געווען נישט זיין מחשבה. ער האט נישט אליס געטון פארקערט. אינטערעסאנטע די שפעסטענטע תהלכה. נאך מער איידל. דאס האלטס מער איידל און איידל לחילוקים פון וואס הייסט אז עס איז געשען אין זיין מחשבה?

אה, אונז קענען נישט די בעקראנד. בצקנא, דער חז"ל האבן נמשל געזוכט צו אוועקנעמען חיוב סקולה פון מענטשן, יא? איך ווייט ער עשר. דאס איז א תהארעטיש גמרא, און דער רב און דער מחילוק אויף די הלכה און די מסכת קריסיס. אז איך מיין אז עס איז א תהארעטיש די גמרא, די חתחילה. ער זעט דער רב און אז מיכילוק, עפעט אונז גייען נישט אריינקריכן אין דעם, ווייל עס זאל אין הוגע למעשה, און עס איז אויך צו קאמפליקירט פאר מיך. יעצט זאלסטו פרעגן אויב איינער האט צייט צו מאכן עמדער און עס זאל אריינקריכן אין דעם. תימל הין לייב אויף.

שוין, בכלל... שוין, זאגט דער רב אבער אוויטער, דא ווערט יא צוריק פון הוגעות. סאו דער גאנצע איגער איז געווען לענין מיין חיבה מפרטור, און עס זאגט דער ראבערט קריגט זיך. אבער יעצט זאגט דער הלכה וואס הייסט מות עסק, וואס אונז קענען אסאך.

**בכלל איתם הלכה כמות עסק מלוינת חברים, ער האט בכלל גארנישט אין זון געהאט. ער האט געשניטן, למשל דו ווייסט אז ער האט עס שווינגט זיין הענט און עס האט זיך עפעס ארויפגעריסן. ער האט בכלל שוין זונג געהאט, בתור. אבער אויכעט, אבער ס'איז נישט שייך מתעסק לכתחילה, עניוועי. ער איז פטור מעונש.**

אבער דיביינער שפילט מתעסק, ס'איז דאך יא חיות, סאו מען קען נישט זאגן אויף דעם מתה. ניין, מתעסק וואס מתה, ס'איז דא ווארשיינליך מתכוון, גייט עס צוריק צו די הלכה.

**הלכה: יתר על כוונתו / חסר מכוונתו**

יעצט קען מען לערנען נאך א וועג וויאזוי ס'איז דא חילוקים אז ער האט נישט געמיינט און ס'איז נישט געשען וואס ער האט געמיינט, יא? וואס איז יא אדער נישט נתעסק בכוונתו.

זאגט דער רמב"ם, **כל המתכוון לעשות מלאכה,** און זיין מלאכה איז געשען, נאר ס'איז נישט געשען אזוי ווי ער האט געוואלט, דאס איז ווי **יתר על כוונתו.** ער האט געוואלט אנצינדן א קליין לעכטל, און ס'איז געווארן א גרעסערע ווי ער האט אין זין געהאט. אבער למעשה וואס ער האט אין זין געהאט איז געשען, נאר ס'איז נאר געשען מער פון דעם, ס'איז געשען מוסיף געווען, אבער די זאך איז געשען. **אבל חסר מכוונתו פטור,** ווייל ס'איז נישט געשען וואס ער האט אין זין געהאט.

**דוגמא: לפניו ולאחריו**

**כיצד?** הרש"י זאגט, **נתכוון להוציא משא לאחוריו,** ער האט אין זין געהאט צו שלעפן, ער האט צוגעבינדן צו זיך זאכן אין זיין בעק, צו שלעפן פון די בעק. **והוציאה לפניו,** למשל ער שלעפט א פאקעטבוק, און ער קען עס האלטן פון די בעק פון זיינע פלייצעס, און למעשה האט זיך עס געגליטשט און ס'ליגט אין פראנט פון אים, **חייב.**

פארוואס? ווייל ווען א מענטש האלט אויף זיך א בעג, ער שלעפט אויף זיך א בעג, ער היט אפ די בעג. און ווען ס'איז לאחוריו, ווערט עס נישט אזוי גוט אפגעהיטן, ווייל ס'ליגט פון די בעק, ער זעט עס נישט. מלפניו איז א בעסערע שמירה. סאו ער האט געהאט אין דעם משא אז ס'איז געווען די ענין אז ער זאל קענען אפגעבן די משא, און די משא איז געווארן אפגעהיטן, נאר ס'איז נאך געווארן בעסער אפגעהיטן. ער האט זיך מתכוון געווען צו א שמירה פחותה, און ס'איז געווארן א שמירה... מיר זאגן נישט אז דאס הייסט אזוי ווי ער האט אין זין געהאט איין זאך און ס'איז געשען אן אנדערע זאך, ווייל די עיקר זאך וואס ער האט אין זין געהאט איז געווען אפצוהיטן דעם משא, און ס'איז געשען, ס'איז נאר געשען מיט א שמץ אריבער.

**אבל אם נתכוון להוציא לפניו,** ער האט אין זין געהאט צו טראגן א משא לפניו, **ובאה לו לאחוריו,** דעמאלט איז ער יא **פטור.** פארוואס? ווייל ער האט זיך מתכוון געווען צו א שמירה מעולה, **והוציאה בשמירה מיועטא,** ס'איז נישט געשען וואס ער האט געוואלט, ס'איז געשען נאך שוואכער ווי ער האט געוואלט. ער האט געוואלט א גוטע שמירה, ס'איז געשען א נישט גוטע שמירה. סאו לענין טראגן איז געווארן די טראגן, אבער מיר זאגן אז דעם מין טראגן דאס איז א מין טראגן וואס דארף האבן אויך שמירה, און ס'איז נישט געווען די קוואליטי פון שמירה וואס ער האט געוואלט.

**בכלל, כל כיוצא בזה.** דער רב"ד איז דא מדייק, איך וויל נישט אריינקריכן אין דעם, אבער ס'זעט דא אויס, מ'קען דא טראכטן וואס איז די טייטש "פחות מכוונתו". "פחות מכוונתו" מיינט נישט אז ער האט אויסגעגאסן א גרעסערע גלאז, ס'איז מער אזוי ווי די מלאכה איז געווארן בעסער, און די מלאכה איז בעסער געווארן. אז ס'איז שוואכער געווארן. ס'איז די קוואליטי פון די מלאכה איז נישט געווען גוט. ס'איז די איכות המלאכה, נישט די כמות, נישט וויפיל.

**יוצא מן הכלל: חגור בסינר**

נאך אין דעם וואס איז דא יוצא מן הכלל, אין די הלכה פון "לפניו ולאחריו" איז דא א יוצא מן הכלל, אז נישט אלעמאל ווערט ער פטור וואס האט זיך אויסגעדרייט. יא?

**"היה חגור בסינר, והשליך המשא בין בשרו לחלוקו"**, ער האט אריינגעלייגט א שווערע זאך, ער האט עס אריינגעלייגט צו זיין אין די חגורה, ס'זאל זיין אויף זיין גוף, די חגורה זאל עס אנכאפן, יא? **"בין שבא זה המשא שדרכו לצאת כדרך הזה לפניו, בין שבא לאחריו, חייב"**. דעמאלטס, אויב האט ער עס נישט... ווען די פריערדיגע פאל איז געווען למשל ס'איז געלייגט אויף זיין פלייצע, און ס'קען גיין די וועג, ס'קען גיין די וועג. אבער ווען ער לייגט עס אויף זיין גוף אונטער די וועש, איז דעמאלטס נישט קיין חילוק וועלכע וועג די... אפילו ס'האט זיך אויסגעדרייט אינמיטן, איז ער חייב. **"שדרכו לצאת כך"**. הגם דא איז אויך געווען לכאורה א שוואכערע שמירה ווען ס'איז געווען לאחריו, אבער דאס איז "דרכו לצאת חוזר". ווען זאכן ליגן אויף אזא מין פאל, איז "דרכו לצאת חוזר".

סאו, דאס האט ער פריער געזאגט, "בא לו לפניו, בא לו לאחריו", רעדט מען דוקא ווען ס'איז נישט "דרכו לצאת". ס'איז נישט קיין לייכטע... א פאקע בוך איז אייזיג, ס'גליטשט זיך ביידע וועגן. מ'רעדט פון אן אנדערע פאל, וואס... סאו, דארט א זאך וואס גליטשט זיך נישט אזוי גרינג, דעמאלטס האט ער נישט געמיינט. ווייל ווען א זאך איז "דרכו לצאת חוזר", קענסטו נישט זאגן דו האסט נישט געמיינט. ס'איז א רעלאטיוו צו קרקע. סאו, דאס איז אן עול. דו זאגסט פונקט, אבער ס'איז געלייגט אין די זייט, ס'קומט ארויס. סאו, דאס איז "נעשה במחשבתו".

**הלכה: התחיל במלאכה ועשה כשיעור — אף על פי שלא השלים**

אקעי, נאך אביסל פרטים אין דעם פון "לא נעשה כוונתו".

**"כל המתכוין לעשות מלאכה בשבת, והתחיל בה ועשה כשיעור"**, איינער איז זיך מתכוין צו טון א מלאכה בשבת, און ער האט אנגעהויבן די מלאכה, און ער האט געטון אויף די שיעור. שפעטער וועט די רמב"ם גיין, יעדע מלאכה האט א שיעור. למשל, איך ווייס, לאמיר זאגן, ער האט געוואלט קאכן, און ער האט געקאכט א... אה, דער רמב"ם גייט שוין זאגן א דוגמא, ס'איז שווער צו זאגן אייגענע דוגמאות.

**חייב, אף על פי שלא השלים כל המלאכה שנתחייב לעשותה**, אפילו ס'איז נישט געשען די גאנצע מלאכה וואס ער האט אין זינען געהאט משלים צו זיין, אבער ער האט יא געטון א שיעור פון די מלאכה.

**כיצד? הרוצה שנתחייב לכתוב אגרת בשבת**, ער האט אין זינען געהאט צו שרייבן א געוויסע טעקסט אין שבת, א געוויסע בריוו. **אין אומרים**, וואלט מען ווען געקענט זאגן, אז ווי לאנג ער האט נישט געשריבן די גאנצע בריוו איז נישט געשען כוונתו. זאגט מען אבער נישט, **לא יצא זה עד שישלים חפצו**, ביז ער טוט אלעס וואס ער האט אין זינען, **ויכתוב כל האגרת וכל השטר, אלא משכתב שתי אותיות**, איז ער **חייב**. די דין אז די שיעור פון כתיבה איז צוויי אותיות זאגט אז ס'גייט מיך נישט אן, ער האט שוין געטון א גאנצע מלאכה. די מלאכה איז די עצם שרייבן. דו האסט געמיינט צו טון צוויי מלאכות, לאמיר זאגן.

## Speaker 2:

רייט, רייט, ווען ער האט געוואלט שרייבן א גאנצע בריוו, האסטו געוואלט טון מערערע מלאכות. א גאנצע מלאכה, און דו האסט געוואלט טון א גאנצע מלאכה. דו האסט גראדע געפלאנט צו טון א גרעסערע מלאכה, מאכט נישט אז וויבאלד ס'איז געשען נאר די האלב איז מען פטור, שטימט?

## Speaker 1:

און דער רמב"ם וואלט געקענט בלייבן מסתמא ביי די זעלבע דוגמא, למשל ער האט געוואלט אראפקלייבן הונדערט אייער, און ער האט נאר גענומען צוויי אייער, ביים שניידן צוויי אייער איז ער שוין געווארן מחויב, יא?

## Speaker 2:

ניין, ביי דעם איז אפשר מער פשוט. אפשר די דוגמא...

## Speaker 1:

ניין, אבער דא וואלט ער געקענט זאגן אז ס'איז נאך א האלבע ארבעט, ווייל ס'איז נישט אן אגרת. ער האט געוואלט שרייבן א געוויסע אגרת.

**וכן**, ער געבט נאך א דוגמא. **וכן אומן שנתחייב לארוג בגד כולו**, ער האט אין זינען געהאט צו נייען א גאנצע בגד. אבער **משיארוג שני חוטין יתחייב**, ווען מ'וועבט צוויי חוטין ווערט מען חייב. **אף על פי שכוונתו להשלים**, אפילו די כוונה איז געווען יא צו האבן א פול בגד. אבער **הואיל ועשה בשיעור בכוונה**, ער האט אבער יא געטון כשיעור, ער האט געטון די שיעור שני חוטין אדער שתי אותיות, **חייב. וכן כל כיוצא בזה.**

ער זאגט בעסיקלי אז ווען חז"ל זאגן אז דאס איז די שיעור, גייט מיך נישט אן אז דו האסט אין זינען געהאט אז די מלאכה וועט זיין געענדיגט ווען ס'וועט זיין גרעסער. ס'גייט מיך נישט אן מיט דיין גאל. דו האסט א גרעסערע גאל, אבער די מלאכה איז דאס. די חכמים זאגן אז דאס הייסט שוין א חלק פון די מלאכה.

## Speaker 2:

א גאנצע מלאכה.

## Speaker 1:

א גאנצע מלאכה.

אגב, מ'רעכנט זיך יא מיט דיין גאל, ווען דו ווילסט הרג'ענען א געוויסע מענטש. אבער... יא, יא. ער מוז לכאורה אנקוקן אז ס'איז מער אזוווי... האסט געוואלט טון צוויי מלאכות אדער עפעס אזוי. ס'האט געטון גענוג מלאכה וואס דו האסט געוואלט טון.

**הלכה: שנים שעשאוה**

אקעי, יעצט קען מען לערנען נאך אן הלכה. לכאורה האט ער עס נישט מיט כוונה, ער רעדט סתם די הלכה פון שניים שעשאוה. דא איז נאך אן אופן ווען ס'איז א הקדמה מיט אלע אנדערע מלאכות, וואס ער גייט זאגן איז ווען א מענטש טוט עס. וואס טוט זיך אויב צוויי מענטשן טוען עס צוזאמען? אדער וואס טוט זיך אויב... נאך פעלער.

זאגט דער רמב"ם, **"כל מלאכה שיחיד יכול לעשותה לבדו"**, וואס א מענטש קען טון אליין, **"ועשאוה שנים בשותפות"**, למעשה האבן עס געטון צוויי מענטשן בשותפות צוזאמען. שותפות קען מיינען צוויי וועגן, זאגט די בית יוסף אין **זה מקצתו וזה מקצתו**, דאס הייסט אז זיי האבן זיך צעטיילט האלב און האלב מיט די מלאכה. דו טו די ערשטע האלב מלאכה, איך טו די צווייטע האלב מלאכה.

**כגון, "שעקר זה החפץ מרשות זו והניחו השני ברשות אחרת"**. דער ערשטער מענטש האט געמאכט די עקירה, א חפץ דארף אנקומען פון איין רשות צו די אנדערע. דער ערשטער האט געמאכט די עקירה, דער צווייטער האט געמאכט די הנחה ברשות אחרת. דער צווייטער האט עס איבערגענומען און אריינגעלייגט ברשות אחרת.

אדער זיי האבן צוזאמען געוואקט פון איין רשות צו די אנדערע און עס צוזאמען אנגעכאפט, **"באופן שעשאוה שנים כאחד מתחלה ועד סוף, כגון שאחזו שנים בקולמוס וכתבו"**, צוויי מענטשן האבן אנגעכאפט א פעדער און זיי האבן צוזאמען געשריבן, **"או כיכר והוציאוה מרשות לרשות"**, אדער זיי האבן ביידע צוזאמען אנגעכאפט א ברויט און עס ארויסגעטראגן מרשות לרשות, **"הרי אלו פטורין"**. אין די ביידע פעלער זענען זיי פטור, ווייל איין מענטש האט נישט געטון א גאנצע מלאכה. צווישן זיי ביידע צוזאמען איז ארויסגעקומען א מלאכה, אבער נישט איינער האט געטון די גאנצע. דעמאלטס זענען זיי פטור. דאס איז אן הלכה פון שניים, אין די גמרא ווערט עס גערופן "שניים שעשאוה".

זאגט אבער דער רמב"ם, דאס איז נאר אזוי ווי ער האט געזאגט, אז יעדער יחיד וואלט עס געקענט טון אליין. אבער **אם אין היחיד יכול לעשותה לבדו עד שיסייעו חבירו"**, אויב איז עס אזא סארט מלאכה וואס מ'דארף

האבן צוויי מענטשן וואס זאלן עס קענען אויספירן, **"כגון שנים שאחזו לא כיכר"**, נישט א כיכר, א ברויט וואס יעדער איינער קען אליין, נאר **"קורה"**, א גרויסע שווערע בים, **"והוציאוה מרשות הרבים, ואם אין כח באחד מהן להוציאה לבדו"**, דאס הייסט, אז איינער פון די צוויי מענטשן אליין וואלט נישט געקענט שלעפן די שווערע קורה, און פארדעם, דאס איז די סיבה פארוואס זיי האבן עס געטון צוזאמען, **"ועשאוה בשותפות מתחלה ועד סוף, שניהם חייבין"**, זענען זיי ביידע חייב. ווייל דאס איז די וועג וויאזוי מ'טוט אזא מלאכה.

און דא איז דא א שאלה וועגן די שיעור. ווייל מ'קען טראכטן אז דעמאלט דארף מען צוויי שיעורים, ווייל צוויי מענטשן האבן עס געטון. ניין. **שיעור אחד לשניים**. אויב די שיעור איז רציחה איז... יא, דאס מיינט עס? לכאורה. אבער ס'איז אינטערעסאנט, ווייל מ'רעדט זיך דא פון א העווי זאך. אוטאמאטיש, לכאורה שיעור אחד לשניים, אפילו די זעלבע סיבה וואס איינער קען נישט. אבער... ס'איז דא א חילוק. ס'איז דא א מינימום שיעור עצם, גייסט זען, יעדע זאך האט זיך זיין שיעור.

**הלכות שבת פרק א': כללי מלאכות — שנים שעשאוה, מקלקל, ומקצת בשוגג ומקצת בזדון**

**שנים שעשאוה — המשך: שיעור המלאכה בשנים**

### Speaker:

ווייל דאס איז וויאזוי מ'טוט די מלאכה.

און דא איז דא א שאלה וועגן די שיעור. מען קען טראכטן אז דעמאלט דארף מען צוויי שיעורים, ווייל צוויי מענטשן האבן עס געטון. ניין. **שיעור אחד לשנים**, ווייל אויב די שיעור הרצוי איז, יא, דאס מיינט עס.

לכאורה, וואס איז אינטערעסאנט, ווייל מ'רעדט זיך דא פון א העווי זאך, וואלט איך אויטאמאטיש לכאורה שיעור רעכנט נישט ניין, אבער די זעלבע סיבה וואס איינער קען נישט. אבער ס'איז נישט קיין חילוק, ס'איז דא א מינימום שיעור הוצאה, מ'גייט זען יעדע זאך האט זיך זיין שיעור.

סאו די ווארט איז, איין שיעור איז גענוג, הגם יעדער איינער קען זאגן "איך האב נאר גערוקט א האלבן שיעור", ס'איז נישט אזוי. **די מידה פון שיעור וואס חכמים האבן געמאכט איז נישט אויף דעם מענטש, נאר ס'איז אויף די מלאכה.** דאס הייסט שוין א חשוב'ע מלאכה. דאס הייסט אז ס'איז געווארן צעטיילט צווישן צוויי מענטשן, און אין אזא פאל וועט נישט זיין קיין פראבלעם, ווייל דאס איז די אופן וויאזוי מ'טוט די מלאכה, דורך צוויי מענטשן.

**שנים שעשאוה — אחד יכול ואחד אינו יכול**

### Speaker:

וואס טוט זיך אין א פאל ווען ס'איז אזא ספק? לאמיר זען. **היה כח באחד מהן להוציא הקורה לבדו.** ס'איז דא א שטארקער מענטש, א טאטע מיט א זון נעמען ארויס די קורה, א גרויסער מענטש מיט א קליינער מענטש. דער ערשטער מענטש וואלט עס געקענט טון אליין, אבער דער צווייטער מענטש וואלט עס נישט געקענט טון אליין. **והשני אינו יכול להוציאה, והוציאוה שניהם ביחד, זה שיכול להוציאה חייב**, אז דער מענטש וואס קען עס אליין טון איז חייב, ווייל ס'הייסט אז ער האט עס געטון. דער צווייטער האט אים נאר ארויסגעהאלפן, א שיינער מסייע. **מסייע אינו חייב כלום**, ווייל ער וואלט עס נישט געקענט טון אליין, סאו ער טוט גארנישט. דער צווייטער טוט גארנישט. מסייע אינו חייב כלום, ס'הייסט ער איז פטור אפילו מדרבנן, רייט? ער איז פטור ווען ער טוט גארנישט.

**דיון: ווער הייסט דער מסייע?**

### Speaker:

ס'איז זייער אינטערעסאנט, און ווער הייסט דער מסייע? אסאך מאל וואלט מען געקענט מאכן די גדר זאל זיין ווער ווייל די קורה זאל ווערן גערוקט, אדער ווער האט געבעטן וועם די טובה. ס'גייט נישט אזוי. **מ'קוקט אויף ווער ס'טוט עס.** איך וואלט געטראכט אזוי, דער בעל הבית רופט אריבער זיין שכן וואס איז גרעסער און שטערקער פון אים. יענער איז דאך דער מסייע, מבחינת סתם אזוי מ'קוקט עס אן. אבער די מלאכה, ניין, למעשה האבן זיי דאך יא צעטיילט פופציג-פופציג אין די כח וואס זיי האבן אריינגעלייגט, זיי האבן צוזאמען געטון די מלאכה. נאר ווייל ער קען נישט אליין איז ער... רייט, דאס הייסט נישט אז ער האט נישט געטון די מלאכה. דו קענסט מיר נישט זאגן אז ער איז ווי א קאש.

לאמיר פארשטיין בעסער. דער כלל דא האט צוטון מיט וואס מ'קען. דאס הייסט, לכאורה אזוי ווי א שינוי כדרכו, אזוי וויל איך טראכטן. א זאך וואס מ'קען טון אליינס, טוסטו מיט צוויי מענטשן, זענען ביידע פון זיי פטור אבל אסור. א זאך וואס איין מענטש קען נישט טון אליינס, איז דאס די דרך צו טון די מלאכה, יעדער איינער טוט כלאחר יד.

סאו, אין די אופן וואס איז האלב האלב, איינער קען עס טון אליינס, סאו מצדו האט ער דאס געטון. איך הער. און דער צווייטער טוט גארנישט. פארוואס? ווייל איי, פראקטיש יעצט... פארוואס זאל מען נישט זאגן יעצט איז מצד דער ערשטער מענטש, סארי, מצד אים וואלט געדארפט ווערן א שנים שעשאוה, ווייל ער קען עס דאך יא טון אליינס, און דא האט ער עס געטון אין א פאני וועג מיט צוויי מענטשן. פארוואס זאגן אונז אז דאס הייסט ער האט געטון מיט צוויי מענטשן בכלל?

**דיון: וואס איז ווען דער מסייע האט געטון רוב ארבעט?**

### Speaker:

מ'דארף א ביסל בעסער פארשטיין, ווייל למשל, וואס טוט זיך ווען דער וואס קען נישט האט למעשה געטון רוב ארבעט? ער קען טאקע נישט אליין, אבער מיט א צווייטן קען ער עס טון, און ער האט געטון די רוב ארבעט, יענער האט אים נאר אביסל געהאלפן. איך האלט אז דער מסייע הייסט דער וואס קען עס טון. ס'קען זיין אז דער רמב"ם מיינט נישט דעם, ער מיינט אזא מין פאל פון א טאטע מיט א קינד, ער מיינט ווען דער מסייע איז אוודאי מסייע.

איך דארף טראכטן וואס טוט זיך ווען... ער זאגט נישט, איינער יכול להוציא לבדו, ער האט געבעטן יענעם בכלל. צוויי אזעלכע שניים, צוויי פון די צווייטע מענטש וואלט ער עס אפשר געקענט טון? ס'פעלט עפעס דא. אזוי שטייט אבער אין די הלכה. אקעי.

**דיון: פארגלייך צו שנים שעשאוה ווען ביידע קענען**

### Speaker:

אבער דו מיינסט צו זאגן, ווען צוויי מענטשן וואס יעדער איינער פון זיי קען אליין, וואלט דאך געווען שנים שעשאוה וואס זיי וואלטן געווען פטור. און דא, ווייל ס'איז דא א צווייטער וואס קען נישט אליין, ווערט ער אזא מסייע, מ'קוקט אים אן ווי ער האט גארנישט געטון, ער שפילט זיך סתם. דער צווייטער האט... דאס מאכט עס מער פאני.

אקעי.

**מקלקל פטור**

### Speaker:

נאך א כלל, נאך איין כלל, נאך צוויי כללים. נאך א כלל אין הלכות שבת. ס'איז דא, אלע הלכות שבת איז ווען מ'וויל עפעס טון. אבער ווען מ'טוט א מעשה וואס הייסט בכלל נישט, סתם א מקלקל, איז מען פטור.

כיצד? **הרי שחבל בחבירו או בבהמה דרך השחתה**, ווען איינער... ס'איז דא אופנים פון חובל זיין און זיין חייב. למשל, איינער דארף מאכן א וואונד אויף זיין בהמה, איך ווייס, מקיז דם זיין. אבער אויב ער טוט עס נישט דערפאר, נאר ער טוט עס דרך השחתה, האט ער נישט געטון א פראדוקטיווע זאך, האט ער נישט געטון קיין מלאכה.

וכן צורייסן א קלייד. צורייסן א קלייד קען אמאל זיין קורע, די מלאכה פון קורע על מנת לתפור. אבער ווען ער צורייסט סתם אזוי דרך השחתה, ער שרפט עס, ער צעברעכט עס ארום דרך השחתה, **הרי זה פטור**, ס'הייסט

נישט קיין מלאכה. ס'הייסט נישט געטון, דאס איז א דבר שאינו חשוב, ס'איז גארנישט געטון. ער איז ווייטער פטור אויף די עונש.

### כופר גומא ואינו צריך אלא לעפרה

## Speaker:

**כופר גומא ואינו צריך אלא לעפרה**, ווען איינער האט געגראבן א גרוב, און בעצם די סיבה פארוואס ער האט געגראבן די גרוב איז ווייל ער דארף די זאמד, איז ער א מקלקל און פטור. פארוואס הייסט ער מקלקל? ווייל די גומא איז יעצט א קלקול. דו האסט געמאכט יעצט א מיאוס'ע זאך אויף די פלאר, א גרוב וואס קומט נישט דארט.

ס'איז אינטערעסאנט, אסאך מאל זאגט מען פארקערט, אזוויווי ווען מען לעשט עפעס אויס ווייל מען דארף די גחלת. מען זאגט אז דאס הייסט חפירה. וועלכע חפירה איז אנגערופן אין א פלאץ וואו זיי קענען דארטן בויען, מאכן א גומא ווייל מען וויל א גומא, מען וויל פלאנצן, יא. דא וויל ער נישט חפירה, ער וויל האבן זאמד.

לאמיר זאגן פשוט'ערהייט, א חפירה איז א תיקון אין די קרקע געוועהנליך, אדער חורש אדער בונה איז א תיקון אין די קרקע. דא ביסטו מקלקל די קרקע. דו ביסט בלויז ברר'ן מקלקל, ווייל דו דארפסט האבן זאמד, אבער דו ביסט מקלקל די קרקע, סאו ביסטו פטור. אפילו אינו עושה מלאכה, אבל הוא מכוון למקלקל פטורים.

### מקלקל על מנת לתקן — חייב

## Speaker:

דאס איז אבער נאר ווען ס'איז אן עכטע קלקול. אבער **כל המקלקל על מנת לתקן** איז יא חייב. ווען די קלקול איז א הכנה צו מתקן זיין, הייסט עס ווי ער איז עוסק אין תיקון.

כיצד? **הרוצה לסתור כדי לבנות במקומו**, איינער צעברעכט עפעס, וואלט מען געקענט זאגן אז ער איז א מקלקל. אבער אויב ער צעברעכט עס ווייל ער וויל בויען אויף יענע פלאץ. **או שמוחק**, איינער מעקט עפעס אויס, איז ער דאך מקלקל. אבער אויב ער מעקט **כדי לכתוב במקום שמוחק. או חופר גומא כדי לבנות בתוכה יסודות** צו בויען דארטן, **וכיוצא בזה הרי זה חייב.**

אבער וועלכע מלאכה ווערט עס? ס'הייסט סותר און ס'הייסט בונה. ווייל דאס הייסט בונה, יא? דאס הייסט סותר? ניין, דאס הייסט סותר שפעטער, ווייל... אה, איז דאס סותר. **שיעורו כשיעור המתקן**, זיי האבן די זעלבע שיעור. ווען בויען זיי האבן די זעלבע מינימום שיעור. וואס די אויפטו איז, מ'קוקט וואס די אויפטו איז. ער איז בעצם א בונה, די מלאכה איז סותר.

טאקע פרעגסט א גוטע שאלה, פארוואס דארף מען אן עקסטערע מלאכה? מיר וועלן זען שפעטער, אפשר וועלן מיר אויסגעפונען די סוד פון דעם. מ'שטעלט זיך לכאורה דאס איז מלאכת בונה. ניין, דאס איז מלאכת סותר, וואס דו ביסט נאר חייב ווען ס'איז מקלקל וואס איז בעצם א בונה, אדער א מוחק וואס איז בעצם א כותב, וכדומה.

אקעי.

### מקצת בשוגג ומקצת בזדון

## Speaker:

נאך א חילוק. א מלאכה וואס מ'האט געטון חלבה בזדון וחלבה בשוגג. זאלן מיר זען. **כל העושה מלאכה בשבת מקצתה בשגגה ומקצתה בזדון.** דאס הייסט, אינמיטן די מלאכה האט ער זיך געכאפט וואס ער טוט, למשל, און ער איז ווייטער ממשיך געווען. אדער פארקערט, **בין שהזיד ולבסוף שגג, בין ששגג ולבסוף הזיד, פטור.** אויב ס'איז נישט געווען א גאנצע מלאכה מתחילה ועד סוף במזיד, איז מען נישט חייב. נישט חייב חטאת, אוודאי. פטור מיינט מ'באקומט נישט די עונש וואס קומט זיך. **עד שיעשה שיעור המלאכה כולה מתחילה ועד סוף בזדון, ואחר כך יהא חייב כרת וסקילה.** אדער, סארי, נאר נאכדעם, דעמאלטס איז ער חייב כרת וסקילה.

ס'איז דא א חיוב במזיד און ס'איז דא א חיוב בשוגג, רייט? במזיד איז מען חייב כרת וסקילה, און בשוגג חטאת. די ביידע דארף זיין די גאנצע מלאכה אין איין קאטעגאריע. דו קענסט נישט טאנצן אינצווישן. דו קענסט נישט זאגן, "איך האב געטון פריער במזיד, יעצט האב איך געטון בשוגג, אזוי לאמיר ברענגען א קרבן חטאת." ניין, ער איז פטור מכלום. דאס הייסט, נישט מכלום, מדרבנן איז אסור. אבער למעשה איז נישט געווען נישט דאס און נישט דאס. רייט. **או עשאה כולה בשגגה מתחילה ועד סוף.** דאס הייסט, אדער איז ער אינגאנצן זדון און ער איז חייב כרת וסקילה, אדער איז ep אינגאנצן שוגג און ער איז חייב חטאת קבועה. נישט אהער און נישט אהין, איז ער נישט חייב די עונש.

### וואס מיינט "שוגג" דא?

## Speaker:

אבער מ'דארף פארשטיין די פאל. הזיד ולבסוף שגג מיינט נישט ער איז געווארן דיסטרעקטעד און ער טוט זאכן אויטאמאטיש, ווייל דאס איז דאך די לעצטע זאך וואס מיר האבן געלערנט, דאס הייסט כוונה. מ'מיינט נישט אז ער טראכט נישט, "איך בוי, איך בוי, איך בוי." ער האט עפעס אינגאנצן פארגעסן, יא, עפעס איז געשען, עפעס ממש א שוגג. ווייל געוועהנליך ווען מ'זאגט דאס מיינט אז ער האט אין זינען געהאט, און מ'האט אויפגעהערט אין זינען האבן. דאס מיינט נישט דא שוגג. **שוגג מיינט ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז שבת, ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז א מלאכה, אז ס'איז אסור.** אבער דא האט ער זיך דערמאנט, ער האט פארגעסן, וכדומה, אדער איינער האט אים געזאגט.

### פארבינדונג צו מלאכת מחשבת

## Speaker:

ס'איז אן אינטערעסאנטע הלכה. ס'מוז זיין מתחילה ועד סוף דאס זעלבע. דאס לכאורה קאנעקט אויך מיט די עוסק אין כוונה און מלאכת מחשבת, יא, ווייל דאס איז עפעס נישט אינגאנצן, ס'איז א האלבער מלאכה. א האלבער מלאכה איז אפילו נישט חייב חטאת, ס'איז פטור. אבער דא קומט ער צו שטיין, אקעי, נישט נוגע אין טהרות, די אלע זאכן וואס מ'האט געלערנט די לעצטע פאר זאכן, נאר פטור.

### סיום פרק א'

## Speaker:

אקעי, עד כאן פרק א'. זייער א שיינער פרק, זייער גוט.